PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ 5129 N2K8 Nadir, Isaac Moishe
Kum shpatsiren geliebte

LIBRARY
OCT
1976
UNIVERSITY OF TORONTO

# אינהאלט.

דאָרט וואו מע געהט שפּאצירען — — — — — 7
שאלעכמאָנעס — — — — — — — — — — 12
פסח'דיגע טעג — — — — — — — — — — — 20
מיין ערשטער ראָמאן — — — — — — — — — 25
סענטימענטאלע פייערען — — — — — — — 49

פליטערפלירט:

אויף צום זעקסטען סעפּטעמבער — — — — — 57
גרויסער אויספארקויף אויף צירונג — — — — 61
פאקטען וועגען פאקטען — — — — — — — 64
ווי רופט מען אייך — — — — — — — — — 67
אָרענטליכקייט — — — — — — — — — 71
אידעען־פארבינדונג — — — — — — — — 75
באקוועמע שטאנדפּונקטען — — — — — — 78
אפאָריזמען און ווי אזוי — — — — — — — 82
פאראן א שטעטעל „רוזוועלט“ — — — — — 86
אַ בריעף צו מיין אָנקעל — — — — — — — 89
איך בין שלעפעריג — — — — — — — — — 97
אונערציהונג — — — — — — — — — — 100
סטאפּ — — — — — — — — — — — — — 103
דאָס פארלוירען וואָרט — — — — — — — 106
אַ גרוס פון אייער ברודער — — — — — — 110
מלחמה — — — — — — — — — — — — 117
פעקעלטאָג — — — — — — — — — — — 121
הנני העני ממעש — — — — — — — — — 125
אויף דער בערזע פון פערעל און גאָלד — — — 129
א פרעמדער — — — — — — — — — — — 136
איך פאָהר אוועק — — — — — — — — — 143
איידער דו צינדסט אָן א שוועבעלע — — — — 146
די וואָס ווייסען מיינע סודות — — — — — 151

ליפען צו די אָפּגעריסענע ספרים, און דו פלאַטערסט צו זיי, און דו קושסט זיי. איך, ביכערשראַנק, זעה אַלצדינג און איך שוויג. איך קוק דיר נאָר טיף אַריין אין אויג, מיט מיין אַלצפאַרשטעהענדיגען גלאַנץ, און איך דערמאַן דיך, אַז גאָלד־אותיות זיינען גאָרנישט. און אַז ווערטער זענען גאָרנישט. און אַז געדאַנקען זענען גאָרנישט. און אַז טיפער און געדאַנקליכער פון דעם שטומען וואָרט, איז דער שטומער שטויב פון אַלטע ספרים.

איך בין אַ בוך אָהן אותיות, זאָגט צו מיר דער ביכער־שראַנק, אָבער איך ווייס אַלצדינג און איך האָב דיך ליעב. ווייל דו האָסט מיך ליעב, ווייל איך האָב ליעב דיין טאַ־טעג׳ס ספרים. און אַז איך זעה ווי דו זיצסט נישט ווייט פון מיר און דו באַשרייבסט אַלערליי זאַכען, נאָר מיך נישט ווער איך טיף־באַטריבט און מיין זעלבסטגלאַנץ ליידט דערפון אַזוי שטאַרק!

* * *

באַשרייב מיך, באַשרייב מיך, זאָגט צו מיר מיין שטוב. צווישען מיינע ווענט איז דיין גליק און דיין אומ־גליק. איך בין דיין פריינד און דיין שיצער. איך באַ־האַלט דיין אומעט און איך צעקלינג דיין געלעכטער. איך זעה דיך אין אַלערליי צייטען און צושטאַנדען. איך ווייס וועגען דיר אַזויפיעל און איך זאָג קיינעם נישט אויס. ווייל איך פאַרשטעה דיך און איך האָב דיך ליעב. דאַריי־בער בין איך אַזוי אייפערזיכטיג, ווען דו דערמאָנסט מיך נישט אין דיינע שריפטען.

עמיצער לעזען עפּעס א וואונדערליכען איינפאל און וועט זיך פרעהען. אָבער דאָס אויג און דאָס ליכט וועלען זיין אומעטיג, בייז, שלאנגיג.

איך זעה, אז דו שרייבסט, זאָגט צו מיר דאָס ליכט איבער מיין קאָפּ, באשרייב מ י ך! איך בין דאָך דיר א סך נעהנטער ווי עמיצער אנדערש. מיר ביידע — —

* * *

די ביכערשראנק זאָגט מיר: באשרייב מיך, באשרייב מיך. איך בין שווארץ, זאָגט די ביכערשראנק, אָבער מיין שווארצקייט איז נישט קיין נאטירליכע. אין הארצען בין איך א סך ווייסער ווי איך זעה אויס. אין דער גלאנץ מיינער — איך בין אזוי מיעד פון איהם. טאָג־איין טאָג־אויס דער נארישער זעלבסטגלאנץ, דאָס אייביגע געדענקען, אז דו ביזט עפּעס א חשוב׳ע זאך, מיש מעשע־נע שלאָסבלעטלעך. און איך האלט דיינע ביכער. אלערליי ביכער טראָג איך אין מיין הארץ פאר דיר. דו טראָגסט א ו י ך ביכער אין דיין הארץ — פאר אנ־דערע. איך וויים, וואָס דאָס הייסט! דערפאר ציטער איך אזוי שטארק, אז מ׳ריהרט מיך אָן.

אז דו לייגסט אויף מיר ארויף דיין האנט און ווילסט מיך אויפשליסען, טו איך מיך א וואקעל. איך ווייס, אז איך בין ביי דיר ג אָ ר נ י ש ט . אזוי גיך ווי דו נעמסט ארויס ס׳בוך, לאָזטו מיך אָפען, פארשעמט, און מיין שויב גלאנצט דיר אנטקעגען מיט צאָרן, דו זיצסט און לייענסט און לייענסט. איך זעה עס און סע פארדריסט מיך וואָס דו לייענסט יעדע נאריש ביכעל, נאָר מיך א ל י י ן לייענסטו נישט. ווייל איך בין נישט אָנגעשריבען. און איך בין דאָך גארנישט אזוי פּראָסט ווי דו מיינסט. דיין טאטען׳ס ספרים שטעהען אין מיר. זיי זענען אלט און פארפלעקט פון ליכט־טראָפּענס. איך זעה זיי נאָר פון דרויסען — זיי זענען אזוי אָפּגעריסען. אָבער איך ווייס, אז דו האָסט זיי ליעב. איך זעה ווי דיין האנט ציטערט איבער זייערע רוקענס, איך זעה ווי דו טראָגסט־צו דיינע

מיט א סאמעטענעם ליעבעסקוש. דערביי פיהל איך מיך אזוי געשמייכעלט, וואָס איך קען צוהערען, ווי עס רוישט דאָס בלוט, פון וועלכען מען מאכט ליעדער. און אז דו שרייבסט — קוק איך א ר ו י ף, א ר ו י ף, שטרענג מיך אָן צו כאפּען א בליק איבער דיין שרייבטיש, אָבער איך קען נישט. איך בין צו נידריג. אָבער ליעב האָב איך דיין קאלטען פוס. ער איז אזוי געאיידעלט, אזוי וויים, כמעט ווי א האנט. און דיין ענטבלויזטער פוס־געלענק איז אזוי מיידליש־גראציעז, אזוי בעטענדיג.

* * *

דאָס גאז־פּייער איבער מיין קאָפּ זשיפּעט צו מיר אראָפּ, ווי א שילטענדיגע שלאנג. סע זידט און סע ציטערט. דאָס בלאָהע האריז פון דעם פלאם איז אזוי דורכזיכטיג־פיין, ווי דאָס לעבען אין מיר, וואָס איך קען נישט אָנטאפּען. נאָר דער שלעכטפּארשוירענער קאָפּ פון דעם פייער ווארפט זיך אהער און אהין. פייער וואָס ביזטו אומרוהיג? איך בין אומרוהיג, ווייל איך ברען־אויס איבער דיין קאָפּ, און דו — טראכסט נישט פון מיר. ווען דו געהסט שלאָפען דערשטיקסטו מיך. קען איך דיין רוה נישט זעהן. נאָר דיין פיבערדיגקייט זעה איך, דאָס צוקען פון דייגע ברעמען, דיין האלב־פּנים, מיט דער קרום־פּארשארפטער נאָז. אמאָל, אז דו קוקסט ארויף צו מיר, דערזעה איך דאָס פייער פון דיין אויג. ס'איז א ו י ך בלאָהע און ציטערדיג און אומרוהיג. א י י ן פייער פארשטעהט דאָס אנדערע. דיין אויג האָט מיך ליעב און עס קושט מיך מיט אזויפיעל פארשטענדניש. איך קוש עס צוריק מיט אזויפיעל טרייסט. אָבער דיין האנט מישט זיך אריין און — איך זעה מעהר נאָר־נישט. מיין אויג איז צוגעמאכט. איך שלאָף. דו שלאָפסט א ו י ך. מאָרגען וועט א האנט אויפּוועקען מיך און — דיין אויג. מיר וועלען נעמען ברענען און באלויכטען די ליידיגקייט פון דער וועלט. ביי דעם שיין פון מיין ליכט, ביים פייער פון דיין אויג, וועט

שויבערטען קאָפּ, וואָס ציטערט אויף אונז. מיר זעהען דיין האנט מיט דער פּעַדער, ווען זי בלייבט שטעהן אין דער לופט און זי פארטראַכט זיך. עס איז א קנאָכיגע האנט, מיט דינע פינגער. מיר האָבען ליעב דיינע פינ־נער. מיר קושען זיי. אָבער אז מיר קוקען אריין אין דיין שרייבהעפט און מיר זעהען, אז דו שרייבסט וועגען פרעמ־דע זאכען און נישט וועגען אונז, פארדריסט אונז און סע טוט אונז וועה. זאָג, זאָג וואנט־מיט׳ן־פענסטער. אויף דיר קוקט ער מעהר ווי אויף אונז. צו דיר אומעטיגט ער זיינע לבנה־טרוימען, וואָס ברענען אוים אויף דעם ווייסעל פון זיין אויג. בעט איהם, וואנט־מיט׳ן־פענסטער, ער זאָל עפּעס שרייבען וועגען אונז. מיר זענען אזוי אייפערזיכ־טיג. מיר זיפצען גאנצע אָוועגדען, ווען ער איז נישטאָ. ווען ער קומט אהיים שווייגען מיר און מיר קוקען איהם אין די אויגען אריין. זענען זיי פארוויינט? זענען זיי פרעהליך?

* * *

דאָס קליינע ווייסע בענקעל, אויף וועלכען איך האלט מיינע פיס, קוקט ארויף צו מיר פון הינטער די פאנטאָפעל און עס בעט זיך: באשרייב מיך, באשרייב מיך, ליעבער האר. איך בין דיין קנעכט, זאָגט דאָס אונטערטעניגע פיסבענקעל, דו קענסט מיט מיר טאָן וואָס דו ווילסט. איך בין יונג און רייצענד און באשאפען פאר דיין באקוועמ־ליכקייט. און כאָטש דו טרעטסט מיך מיט די פיס, מוז איך פונדעסטוועגען זיין ריין. ווייל אזוי איז דיין וואונש. דו האָסט פיינט שטויב — אפילו אויף דיין פיסבענקעל. דו ביזט ערהאבען און דיינע פאנטאָפעל זענען ערהאבען. עס איז מיר א גרוים כבוד, זאָגט דאָס פוס־בענקעל, וואָס דו רוהסט זיך אויף מיר אוים. ווען דו ביזט מיעד און פארשפאצירט, טראָג איך דיר אונטער מיין ווייכע ברוסט. דו גיסט מיר א לייכטען קוש מיט דער זויל פון דיין שטעק־שוך, און איך ענטפער דיר צוריק,

# די וואָס ווייסען מיינע סודות

**איהר, וועגט פון מיין שטוב,**
**איהר קענט מיך!**

די וועגט פון מיין היים קוקען צו, ווי איך באשרייב אלערליי זאכען און זיי זיינען אייפערזיכטיג. ברוינע וועגט מיט געלע באצירונגען. זיי קוקען אויף מיר מיט זייער לאנגווייליגער פאפירענקייט און זיי בעטען זיך: באשרייב אונז, באשרייב אונז, גוטער מענש. מיר זענען דאָך דיר אזוי געטריי. מיר הערען אלצדינג. מיר זעהען אלצדינג. אָבער מיר זאָגען קיינעם נישט אויס. מיר הערען דיין געלעכטער און מיר הערען דיין געבליפ. מיר פרעהען זיך מיט דיר, ווען דו געהסט ארום איבער דער שטוב א לאבענדיגער, און מיר אומעטיגען מיט דיר, ווען דו קוקסט אויף אונז מיט דיינע פארשלאָפענע אויגען און דו בעטסט פון אונז עפעס — שטומערהייד. מיר הערען דיינע שטילע טריט דורך די נעכט און מיר ווילען דיר זאָגען: זאָלסט זיין געטרייסט! אָבער מיר קענען עס נישט זאָגען מיט ווערטער. ווייל אונזער שפראך איז אן אָהנווערטערדיגע. אָבער מיר האָבען דיך ליעב. גלויב אונז! מיר און דו — זענען איינס. מיר פארשטעהען אזוי גוט דיינע שטימונגען. מיר קוקען אריבער איבער דיין געשריפטס, בעת דו זיצסט און שרייבסט דיינע לוסטיגע גאָרנישטערייען. מיר זעהען דעם שאָטען פון דיין צע־

אין רעדאקציע אריין, וועט איהר זעהען ווי אלע שטע־
העהן פאר מיר ווי פאר א קעניג, און מ׳גיט מיר אָפּ כבוד.
איכ׳ל אייך גליקליך מאכען! איהר וועט זיך נישט דאר־
פען איינשטעלען ס׳לעבען צוליעב פרנסה. אלע מענשען
זענען זיך ברידער! און אזוי גיך, ווי זיי געהען אוועק
מאך איך א גוואלד און מע׳ט זיי כאפּען און איכ׳ל זיי
קאָפּען מיט׳ן פוס אין פּנים אריין. הערט אויף, זשענטעל־
לייט! איך בעט אייך, איך וויים, אז די נויט טרייבט
אייך דערצו. נידער מיט קאָפּי, מיט קאָפּי, איכ׳ל זיי
קאָפּען אין פּנים אריין, די מערדער! איכ׳ל מיך אָן זיי
נוקם זיין ווי סע קעהר צו זיין. ס׳איז קאלט, ס׳איז וואַ־
רעם, מ׳דאַרף האָבען קוילען. דער זיידע קומט באלד פון
דער מיל, עטעלע, ווילסט געהן שפּאצירען? עטעל,
עטעלע. עטעשו, מיין טייערע הארציגע, הארציגע, הארצי־
גע עטעל! דיין טאטע איז סיי־ווי־סיי אין לעמבערג
אויפ׳ן יריד, און דער פעטער בלאָזט דעם סאמאָוואר
מיט׳ן שטיוועל, און די קאשטענבוימער זענען אזוי ברייט,
און דער גלח איז אוועקגעפאָהרען. און דער שניי ברענט
זיך אויס אויף די פעלדער מיט ווייסע פונקען. און דער
טייך געהט און געהט.

עטעל טייערע, ליעבע, הארציגע, לאָמיר פאָהרען קיין
אמעריקא — מיט א שיף. מיר׳ן זיין אין האָלאנד. האָ—
לאנד. עטעלע, וויין נישט. איך בין שוין טויט, נאָר
זאָלסט נישט חתונה האָבען. עטעל, איך בעט דיך. מוזט
מיר געבען די האנט, כ׳קען שוין מעהר נישט רעדען.
איך פאל, עטעלע. גיב אכטונג אויף מיינע מאנוסקרי —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פיין און ווארעם איז אין שטוב. מ׳דאַרף זיך זעצען
שרייבען. און מ׳דאַרף אָנזאָגען דער דינסט זי זאָל קויפען
אנדערע שוועבעלעך. די שוועבעלעך טויגען נישט.
סע געדויערט אפשר דריי מינוט איידער מ׳צינדט זיי אָן.

דאָס שוועבעלע וויל נישט ברענען. די טיר איז אָפען. אפשר בלאָזט עמיצער אויפ'ן שוועבעלע? געהט אזוי דער זיידע מיינער פון דער מיל, שטעלט איהם אָפּ א גוי און זאָגט: גוטנאווענד, פאני מילנער! און פארלעשט איהם דעם לאמטערן. „גוי, וואָס טוסטו?" „איך מאך מיר א וויץ". צינדט ער ווידער אָן דעם לאמטערן, פאר־לעשט ער ווייטער. „גוי, וואָס טוסטו?" „איך מאך מיר א וויץ". ווערט דער זיידע מיינער אין כעס און וויל איהם דערלאנגען א פאטש, זעהט דער זיידע אז ער שטעהט ערגעץ אין מיטען א וואסער, און דער גוי איז נישטאָ. און דאָ ליאפּעט א רעגען. און ס'איז שבת־צו־נאכט. און ס'איז שטאָק פינסטער. אפשר ליגט ער הינטער'ן בענ־קעל? און עמיצער קנייפּט מיך אינווענינג אין האלז, מיט אזוינע דינע פינגער, און מע פרייכט אזוי. ווענענס אָטעם זאָל דאָס זיין? איך בין פארפאלען. וועה איז מיר! און דאָס אויג ווינקט, ווינקט. און דער שווארצ־אפּעל איז צעשפּאָלטען ווי א בארג און איכ'ל ארונטער־פאלען. דאָס אויג וועט געבען א פינטעל און איך וועל שוין מעהר נישט זיין. ווי אזוי וועט עס געבען א פינ־טעל? אז איך וועל זיין אינווענינג וועל איך ארויס־שטעלען א פוס — א מערקווירדיגער איינפאל! מ'זאָל מיך קענען ראטעווען. אָבער די אלע מאסקירטע מענשען, וואָס קריכען ארויס פון די ווינקלען, ווען נישט לאָזען. אלע אויף מיר! אין א ראָד. לאָזט מיך ארויס! האָט רחמנות. איך דארף מיך מאָרגען אָפּשערען, און איך האָב נישט ביי זיך מיין נאָטיץ־ביכעל. נאט אייך דאָס גאנצע גאָלדוואַרג און — לאָזט מיך לעבען. נאט אייך ס'הענטיל פון מיין צעבראָכענעם שטעקען, נאט אייך די 45 טולער. אויף מיין עהרען־וואָרט איכ'ל נישט אויס־זאָגען. אזוי הייליג ווי מיר האָבען איצט נאכט אויף דער וועלט. כ'בעט אייך, אויף די קניען, האָט רחמנות. איך בין א קינסטלער. די גאנצע וועלט וועט אייך דאנק־באר זיין, איהר וועט זעהן! איהר וועט קומען צו מיר

פיהרט איהם אהערצו, מיסטער! ער פרעגט אויף מ י ר. און עטעל זיצט אויף דר'ערד מיט צעלאָזענע האָר און וויינט, און מיר געהן רייסען הושענות. און עליע דער שניידער־יונג פאָהרט שוין אוועק — ווייל ס'איז אָנהויב ווינטער זיצי ער אויף דער פוהר, אָנגעטון אין א קרים־סקע היטעל, מיט א שטעהענדיגען קראַגען. אויפ'ן אקסעל האלט ער ס'שטעקעלע מיט א פעקעל און ער רויכערט א ציגאר־טיטון, און ער פאהרט שוין אוועק, איבער'ן געלען וואלד, און סע קאפעט א רעגען, און מיר פיהרען דעם משוגע'נעם לייב אונטער דער חופה — א באָרוועסען. די כלה איז א פארשטעלטער בחור, און דער משוגע'נער לייב טאנצט אויפ'ן שניי און לאָזט זיך ציהען ביי דער נאָז, און אָפגעבען מזל־טוב.

— וואָס איז עס פאר א שוועבעלעך? אָהן קעפּלעך — צום גוטען יאָהר. אפשר ליגט ער אונטער'ן בעט? וועט ער ארויסשפרינגען און דערלאנגען א זעץ איבער'ן שטערן. ווי אזוי וועסטו פאלען? וועסט נעמען און פאלען און שרייען: רעטעט! וואָס פאר א „רעטעט"? — „רע־טעט" איז עקעלהאפט. וועסט זיך אויף איהם ארויפ־ווארפען ווי א לייב — ווי דער משוגע'נער לייב, און יע־דער וועט דיך ציהען פאר דער נאָז און דיר ווינשען מזל־טוב. וועט איהר זיך ראנגלען און ראנגלען און ס'בלוט וועט זיך גיסען ווי פון א געקוילעטער שאָף. אָט־אזוי־אָ. מיט די ציין וועסטו זיך איינבייסען. וועסט ארייג־גראבלען די נעגעל און וועסט קריגען בלוט־פארגיפטונג, און וועסט נישט קענען עפענען ס'מויל, וועט קומען צו־געהן אָלגא און זיך זעצען לעבען דיר, אין א ווייס קליי־דעל, און מיט א זייגערל אויפ'ן הארץ. אָלגא, ראטעווע! אָלגא, ס'ווילט זיך א ז ו י נישט שטארבען. איך בין נאָך יונג, און מיין לעבען איז ווי א ברענענדיג ליכט, וואָס שווימט אויפ'ן וואסער. לאָז נישט, אָלגא! אָט־אזוי־אָ. גלעט מיר די באקען. בארוהיג מיך. ס'איז מיר זעהר שלעכט, שוועסטער מיינע, מעהר ליכט!

לענען אין בוזעם־טאַש — מ׳האָט איהם דורכגעשאָסען און פארבלוטיגט. אפשר וועט מען איהם נישט קענען לעזען? אפשר וועט מען נישט קענען לעזען די אכטע שורה. דאָס איז דער עיקר. ס׳איז א וואונדערבארע שורה. און דאָרט אין דער היים: ביזט א קינד. דער טייך געהט. די מיהל מאָהלט. ס׳קלויסטער. דער רב. עטעלע. עטעלע. עטעשו. דו געהסט ביינאַכט אין חדר אריין מיט א ניי לאַמטערנדעל, און דער רבי שלעפט טוי־בען. חיק! דו געהסט אָנגעטון אין א מאַנטעלע, א מענ־טשעקעפעל רופט מען עס — פאסט עס דיר זעהר. מאַנ־טעלע. מענטעלע. האָסטו דיר, הייסט עס, דיין אייגענס א מאַנטעלע. די שוועבעלעך זענען פייכט. העגגסטו עס אויף אויף א טשוועקעל, און די רביצין ליגט אין קימפּעט. און ס׳קינד וויינט, און דער שטאָט־בארג שמעקט א וואַלד, און דאָס פאסטוכעל שטעהט מיט אן איבערגע־קערטען פעלץ און עטעלע קוקט דיר אין די אויגען אריין. עטעשו. דיין געליעבטער איז טויט. און א שניי פאלט איבער׳ן שטעדטעל, און מיר געהן און געהן, אין דער ווייסער, גלעזערנער נאכט אריין. און דער פעטער פאָכט אויף דעם קוימען פונ׳ם סאמאָוואר מיט דעם אויבערשטען טייל פון א שווארצען שטיוועל, און דער וועג לעבען טייך איז ווארעם פאר׳ן פוס. און דער וואלד שטעהט אויפ׳ן בארג, ווי א גרין היטעל פון א זעלנער, וואָס האָט פאר־בייגעריטען און עס פארלוירען. עטעשו, ס׳איז שוין שפעט, עטעלע — דערצעהל נישט דער מאַמען. עטעל, שווער מיר צו. עטעשו, וויין נישט. איך בין טויט די גאַנצע וועלט לעבט און איך — נישט. א מצבה דארף מען שטעלען וואָס גיכער. מ׳שטעלט נישט. פע דארף זיין פון רויטליכען גראַניט און קיילעכדיג. פע! ס׳איז שוין אזוי אריין אין מאָדע. א רונדער בוים, מיט אן אָפּגעהאקטער צווייג, און די סטעזשקע צווישען די מצבות איז בלאָטיג. מיר ליגען אונטען. איבער אונז געהן מענ־שען און פרעגען: וואו איז דער בארימטער קבר?

# אײדער דו צינדסט אָן אַ שװעבעלע

דו קומסט אַהײם. ס'איז פינסטער.
דו זוכסט אַ שװעבעלע.

עמיצער װאַרט אױף דיר פון אונטען אױף די טרעפּ. קרי־קרי. עס בליצט עפּעס. מ'דערלאַנגט אַ שאָס. דער פריקרער בלישטש גײט דיר אַרױף אױפ'ן בריקעל פון דער נאָז. פון אונטען רעדעלט דיר עמיצער דעם רוקען־ביין מיט עפּעס אַזאַ מין שאַרף רעדעלע. און דאָס בלוט איז נישט קײן בלוט, נאָר צעהאַקטע נאָדלען, װאָס לױפען אַרױף און אַראָפּ. אין קאָפּ איז דיר פינקעלדיג־פינסטער. אפשר צו ליכטיג. די פינסטערניש איז אַזאַ, װאָס לױפט אין אַ גאַלאָפּ, און סע שלעפּען זיך איהר נאָך פלאַטערדיגע סטענגעס, װי פון אַ מישוגע'ן פערד, װאָס פאַלט אַראָפּ פון אַ געפעהרליכען באַרג. אינװעניג שטעהט עמיצער און לױערט אױף דיר מיט אַ מעסער. צװײ מענשען דער־הרג'עט. מאָרגען־זשורנאַל. װעט מען דיך דערלאַנגען אַ נעם. ביים האלז. איך־כע. גיב ס'געלט אָדער איך שיס! נאט אײך אַלצדינג. ס'האַרץ זאָל דיר נאָר נישט בלײבען שטעהן, װי דײן זײגערעל, װאָס דו האָסט אַנור־מעלטען אַראָפּגעלאָזען אױפ'ן טראָטואַר. שװײצאַריש װערק. האָסט עס צוגעלײגט צום אױער. סע קלאַפּט נישט. ביזט טױט. שױן! די שריפטען. װאָס װעט זײן מיט די שריפטען? דעם מאַנוסקריפּט װאָס איז גע־

האָט איהר מ י ך נישט באמערקט אין אייער פאר־שלאָסענעם גאָרטענווינקעל, אָדער בין איך אזוי געווען פארנומען מיט מיין טעגליכער ארבייט אז איך האָב נישט געזעהן וויפיעל שעהנע בלומען עס וואקסען אין מיין גאָרטען לעבען מיין שוועל?

אָבער איצט איז שוין צו שפּעט — איך מוז אוועק־פאָהרען.

און איך האָב נישט קיין צייט זיך צו באקענען מיט אייך — צו קושען אייער סאמעטענע נאקעטקייט, צו גלעטען אייערע שעהנע קעפּ, צו ראָמאנסירען מיט אייך.

וואָס פאר א שאָד!

איהר וועט אפשר בענקען נאָך מיר, און איך וועל בענקען נאָך אייך, אָבער מיר וועלען זיך קיינמאָל נישט צונויפקומען, ווייל איך פאָהר שוין אוועק!

איך האָב אייך צו שפּעט דערזעהן, ליעבע בלומען.

און מיר מוזען זיך שיידען איידער מיר האָבען זיך באקענט.

און איך וואָלט דאָך אייך געקענט אזוי ליעב האָבען.

און איהר מיך אפשר א ו י ך!

אָבער מיין רענצעל איז געפּאַקט, מיין פּוס איז אויף יענער זייט שוועל. דער צוג ווארט, דער זייגער ווייזט די צייט — איך מוז אָפּפאָהרען.

ווארף איך אייך בלויז א האנטקוש, און איך זאָג אין איילעניש:

ליעבע בלומען, אדיע!

מיר זענען ביידע געווען אזוי צוריקגעצויגען, אזוי שטום, אזוי נאריש.

און איצט פאָהר איך אוועק, און איהר בלייבט דאָ וואוינען אינ׳ם עלענדען גאָרטען, און קיינער וועט אייער שעהנקייט נישט באוואונדערען, און קיינער וועט נישט אָנשיכור׳ען זיין הארץ מיט אייער פארביגען געלעכטער.

א שאָד, א שאָד, אדיע!

וואסער־קראן, פארגעסט נישט אייער נערוועזען, אומ־רוהיגען פריינד, וואס האט זיך אונטערגעהערט צו אייער געוויין אין די זומערדיגע נעכט.

זייט געזונט!

זייט געזונט איהר מייז וואס האט געגריזשעט מיין דיל, איהר פליגען וואס האט געזונגען ארום מיינע אויערען אייער מוטיג פליגען־ליעד, איהר טעלער און לעפלען און גאפלען און גאז־ליכט און וויכע שטוהלען און הייזעריגער פאנאגראף — זייט געזונט!

איך פאהר אוועק.

און איהר טעג פון מיין לעבען, וואס זענט ווי באַ־האלטענע שאטענס געבליבען הענגען צווישען די ווענט פון מיין זומער־וואוינונג — זייט געזונט און גליקליך.

איהר געטרייע שפיגלען פון מיין הויז, וואס איהר האט מיך אפט געזעהן גאנץ אנדערש ווי די דרויסענדיגע וועלט, זייט שטיל און זאגט נישט אויס.

זייט געזונט!

זייט געזונט, ליעבע ווירטין, ליעבע שכנים, ליעבער גארטען — איך פאהר אוועק.

אדיע!

איך דריק מיינע הענט, איך געזעגען מיך מיט דעם משה גאריר וואס בלייבט דא אהן מיר.

איך האב אויף איהם רחמנות — ער וועט דא בליי־בען אזוי עלענד!

אט בין איך שוין אויף יענער זייט שוועל, — דאס רענצעל אין האנט, דאס הארץ אין דעם רענצעל, און די פיס אויף דעם ווייכען גראז.

אבער פלוצים פאלט מיין בליק אויף די ווינקלען פונ'ם גארטען: אזוי פיעל בלומען! רויטע און ווייסע און בלאהע און געלע!

שעהנע בלומען מיינע — וואו זענט איהר געוועזען ביז איצט?

# איך פאָהר אַוועק

**איך פאָהר אוועק!**

מיין רענצעל שטעהט געפּאַקט, מיין פּוס איז שוין אויף יענער זייט שוועל. איך פאָהר באַלד אוועק.

דער זומער איז שעהן געווען, דער זומער איז גרויס געווען, דער זומער איז ליעב געווען, אָבער ער איז פאַר־נאַנגען ווי אַלע זומערס, וואָס האָבען אַ טבע צו פאַרגעהען.

אויפ'ן מיסט־באַרג פון אַלטע זומערס, ליגט דער הייַנ־טיגער זומער אין אַ שטאַרבענדיגען צושטאַנד.

און באַלד וועט דער מיסטבאַרג פון צייט רייכער ווע־רען מיט נאָך אַ טויטען זומער.

איך שטעה גרייט אָפּצופאָהרען.

איך בין אַ פאַרזיכטיגער מענש — בין איך שטענ־דינג געגרייט אין וועג אריין. און אז איך געה שלאָפען, לייג איך ס'היטעל אונטער'ן קישען — טאָמער גיט מען מיך אַ רוף.

עס איז פאַרנאַכט. די זון געהט מסתמא אונטער — איך זעה זי נישט. עס זינגען מסתמא ערגיץ די פייגעל — איך הער זיי נישט. איך וויים נאָר:

איך שטעה מיט'ן רענצעל אין האַנט, מיט אַ פּוס איבער דער שוועל, וואָס איך האָב עטליכע וואָכען דורכאַנאַנד געגלעט מיט מיין פּוס, און עס טוט מיר אַזוי באַנג אוועקצופאָהרען.

געטרייע שוועל, זייַ געזונט!

און איהר, אונרוהיגע טראָפּענס פון דעם רינענדיגען

ס'הארץ פון שרעק, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די עטליכע מינוט אין דער געהיימניספולער נעסט פון די גזלנים.

כ אָ ה ר :

מיר ווענען א פארווארפענער אינזעל.
מיינע ברידער,
די וואס פארבלאָנזשען צו אונז,
פארשטעהען אונז נישט.

איין וואָרט: גאָלד? דעמאָלט איז דער פּרעמדער שוין זיכער, אַז זיין חשד איז נישט קיין אומזיסטער.

* * *

ער איז שוין באַלד פאַרטיג מיט דער טיי. ער וויל באַצאָהלען און אוועקגעהן. אָבער ער באמערקט, אַז אַלע קוקען אויף איהם — פון א זייט. עפּעס געפעלט ער זיי נישט. אודאי — טראַכט ער — קען איך זיי נישט געפעלען. און ווען עפּעס איינער א בחור מיט שוואַרצע האָר און אויגען ווי ביי א ציגיינער קומט צו און זאָגט, אַז ער וויל זיך מיט איהם באַקענען: קאָמו־יאַ־וויזשו?! ווערט דער פרעמדער דערשראָקען און בלאַס, און גיט איהם די האַנט, און שטעלט זיך אויף און שמייכעלט. און ווען דער בחור מיט די שוואַרצע האָר פרעגט איהם צי ער האָט ליעב ירוחם־שטרימפען, ענטפערט ער, אַז ער וויים נישט און אַז ער האָט עס קיינמאָל נישט פאַרזוכט.

דער פרעמדער האָט שוין באַצאָהלט דעם שלעפּערי־גען קעלנער (אפילו דער קעלנער איז אויך עפּעס נישט ווי אַלע אַנדערע קעלנערס) און ער וויל שוין אוועק־געהן. ער מאַכט זיך, אַז ער קוקט אויף קיינעם נישט, אָבער פון דער זייט ווארפט ער אַלעמאָל א בליק. די איטאַליענישע באָרד רעדט נאָך אַלץ וועגען בריליאַנטען. א צווייטער לעבען איהם, צו וועמען אַלע הערען זיך צו, זאָגט, אַז ס'פעהלט עפּעס. א דריטער זאָגט, אַז ס'איז א רינג אין דער קייט. א פערטער — מיט אויגענגלעזער — קאָכט זיך און שרייט, אַז מ'דאַרף צעברעכען אהן רחמנות און מ'דאַרף געהן מיט'ן האַמער אין דער האַנט און אַז מ'דאַרף דערלאַנ־גען מיט דער האַק איבער'ן קאָפּ — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען דער פרעמדער דערהערט דאָס נעמט ער זיך שאַרען הינטערן־ווייל׳עכס. און ווען ער קומט שוין אַרויס אין דרויסען בענשט ער גומל. און א לאַנגע צייט קען ער נישט כאַפּען דעם אָטעם — אַזוי קלאַפּט איהם

נישט פארשטעהן. אביסעל פ א ר ש ט ע ה ט ער פונ־
דעסטוועגען. מ׳קאָן איהם נישט אָפּנארען. די חברה האנד־
לען מיט גע׳גנב׳עטע ציערונג. דאָ איז זייער בערזע. דאָ
ווייזען זיך איינס ס׳אנדערע די אָנגערויבטע זאכען און
מע שאצט אָפּ וויפיעל ס׳איז ווערט, און יעדער דערצעהלט
זיינע גבורות, און אלע שמייכלען און רויכערען ציגאַ־
רעטען און קריגען זיך, און בעטען זיך איבער, און מאכען
עפּעס אזוינע מאָדנע העויות, און ווייזען זיך פאפּירלעך,
און סוד׳ען זיך, און ווארפען מיט אזוינע ווערטער, ווי
ש מ א ט ע, ש ו ו א ך, נ י ש ט אָ ק י י ן ב ל ו ט,
מ׳ ד א ר ף א י ה ם ש ל אָ ג ע ן.

דער פרעמדער טויי־טרינקער קוקט אלץ צו דער טיר.
דאנקען גאָט, דער וועג איז נישט פארשפארט. ער קאָן
צו יעדער צייט אנטלויפען. ער באקומט מוט און נעמט זיך
נעהענטער צוקוקען. ער זעהט ווי אין מיטען קאפע־הויז,
ביי א רונדען טיש, זיצט עפּעס א מעניש מיט געלע ברילען
און זינגט זיך אונטער עפּעס א מאָדנע ליעדעל. אין דער
רעכטער האנט האַלט א בינטעל העלצלעך אויף אויס־
צושטעכען די ציין, און מיט דער לינקער צימבעלט ער
גלאט אזוי אויפ׳ן טיש. אלע סוד׳ן זיך מיט איהם און ער
סודות׳ט זיך מיט אלעמען, און יעדען איינעם פרעגט ער:
א ו ו ע ק ג ע ג ע ב ע ן ? און דער געפרעגטער ענט־
פערט: א ו ו ע ק ג ע ג ע ב ע ן. אָדער: איך דארף ערשט
אוועקגעבען מאָרגען. און אלע האָבען פאר איהם דרך־ארץ
און מ׳טראָגט איהם אונטער א בענקעל. מסתמא דער
הויפּט פון דער באנדע — טראכט דער פרעמדער. און
ווען ער הערט, אז דער וואָס זיצט לעבען איהם זאָגט:
אי, זאָלט איהר געזונט זיין, ס׳איז דאָך באמת פערל, —
ווערט ביים פרעמדען גאסט קלאָר, אז דאָ דינגען זיי
זיךביידע איבער דעם פרייז, ווייל יענער רעדט כסדר
פון „מיניז“. און ווען אַן אנדער בחור מיט א צוקנייטשט
פיערעקעכדיג פּנים קומט צו צום ה ו י פּ ט מ א ן און גיט
איהם שטילערהייד די האנט, פרעגט איהם יענער בלויז

ל ע ק ו ו א און פיהלט דערין נישט קיין שום טעם. ער טראכט וועגען זיין פרוי און קינדער. ער זעהט זיך א צע־שניטענער אין א קופערט, איינגעפאקט אין שטרוי, און א דראָזש געהט איהם דורך איבער'ן לייב. ער שטרענגט אן ס'אויער און ער הערט:

הוליא־הוליא מאנספארשוין.

קעניג מיט דער ראָבענקרוין.

זיי האָבען בא'גנב'עט א קעניג! — טראכט ער — און זיי פרעהען זיך. און באלד הערט ער דאָסזעלבע קול:

און ער דזשימזשעט אין די טאצען

בים־בים־בום!

דאָס האָט מען שוין אימיצען געבראָכען די ביינער! — טראכט ער. — מ'האָט איהם, ווייזט אויס, גוט אָנגע־דזשימדזשעט. בים־בום.

ער נעמט גיכער שלינגען זיין לעקווא. ער בא־מערקט ווי עס קומען אָן נייע מענשען. צווישען זיי מייד־לעך מיט געשווירענע האָר און פארדעכטיגטע יונגע־לייט־לעך, וואָס רעדען זיך דורך אויף זייער שפראך:

— ער שאפט מיט די פויסטען.

— מעטאל!

— ער האָט א סך כח!

— ראקטיל.

— ראבינדראנאט.

— ס'א באָמבע.

— אן אוצר,

— א גאָלדענע זאך.

—בריליאנט.

— דערמאָנט אביסעל אין פערד־גנב.

— שניידענד.

— בייסענד.

דער פרעמדער זיצט ווי אויף הייסע שפילקעס. איצט איז ער זיכער, אז ער איז ארייננעפאלען אין א נעסט פון פארברעכער, וואָס רעדען אומיסנע אזוי א א פרעמדער זאָל

בויגט זיך אראפ. מען רעדט עפעס. מען סודות׳ט זיך. און מען געהט אוועק צו אן אנדער טישעל. דארט סודות׳ט מען זיך ווידער. מען שלעפט עפעס פון די בוזעם־קעשענעס. מען ווייזט זיך עפעס א זאך — אפשר גע׳גנב׳עטע דימענטען אדער טאשענזייגערלעך?

און די איבריגע קומען צו, מאכען א רעדעל ארום טיש און פארשטעלען — אז מען זאל נישט קאנען זעהן.

דער קעלנער דערנעהנטערט זיך שלעפעריג.

—טיי!

— מיט מאקא־טארט, צו מיט לעקווא? אדער מיט נוסקיפעל?

מאקא־טארט? לעקווא? נוסקיפעל? דער מענש האט קיינמאל אזוינע ווערטער נישט געהערט. ער וויים נישט צו דאס זענען נעמען פון שפייז אדער פון באריהמטע וואלד־רויבער, וואס קומען אריין אהערצו. נאר כדי נישט צו ווייזען זיין גראביונגישקייט אין די זאכען, שטאמעלט ער ארוים: לעקווא. און אין הארצען טראכט ער: איך בין דא אריינגעפאלען צווישען א שעהנער חברה!

ער עסט דעם געשמאקען לעקווא און דער ביסען באקומט איהם נישט. ערגעץ דארט אין א ווינקעל שטעהט א בחור מיט א פארדעכטיגטער, איטאליענישער באָרד און אלע רינגלען איהם ארום און פרעגען איהם, צו עס איז שוין ארוים? און וואו קאן מען עס זעהן?

דער בחור מיט א באָרד פון א איטאליענישען אמבאסאדאר פינטעלט מיט די אויגען און גיט א גנעדיגען שמייכעל. ער עפענט עפעס א פארדעכטיגט פעקעל און קוקט זיך אום צו קיינער זעהט נישט. אלע רינגלען איהם ארום און פרעגען: אינזעל? ער ענטפערט: אינזעל זיי פרעגען געבונדען? די איטאליענישע באָרד גיט א מאך: מאראקא!

דער פרעמדער זופט די טיי און קוקט צו דער טיר, ווי אזוי וועט ער זיך ארויסכאפען? ער עסט דעם

געשניטענע שטיקלעך לימענע, מאַקאַ־טאַרט און — די זיבען קונסטען?

פארבלאָנזשעטער, זיבען מאָל בויג איין דיין קאָפּ! פּריוואַטבירגער, נויג דיך טיעף פאַר די אויסדערוועהלטע, וואָס זענען געהייליגט געוואָרען אין די קאַלטע וואַסערען וואָס די קריטיק האָט אויף זיי געגאָסען, וואָס זענען געלויטערט געוואָרען אין די קנאה־פייערען, וואָס לויכטען דורך די טונקעלע זאַמעלביכער! נויג דיך, פרעמדער, נויג דיך!

אָבער דער פרעמדער נויגט זיך נישט. דער פרעמדער איז רויה און נישט איינגעשוואוירען. ווישט ער זיינע שיך נישט אָב מיט דרך־ארץ ביי דער שוועל פון אונזער ביליגען טעמפּעל. ווייס ער נישט, אז דער פאָדים רויך וואָס ציהט זיך ארויס פון א פארעלטערטען ציגארעט — איז הייליגער ווייראויך. ווייס ער נישט, אז אין די טעפּ וואָס זידען דאָרט ערגיץ, קאָכט זיך די אונשטערבליכ־קייט פאַר די יונגע מענשען, וואָס זיצען פרום געבויגען, ווי ביי א גאָט־דיענען, איבער די שאָלען מיט הייסען גע־טראַנק און מורמלען כמעט אלע אין איינעם:

איך האָב א גריבעל מיר
אויסגעשלירצט אין זאמד,
אין גראָהען, גרעלען גראנד,
אין זיידען־זידען־זאמד,
און כ׳האָב אריינגע,
און כ׳האָב אריינגע,
און כ׳האָב אריינגעשלירצט
אהינצע־צו.

דער פרעמדער האָט שוין באשטעלט זיין גלאָז וואָס־נישט־איז, קאָן ער נישט אוועקגעהן. שטילערהייד הויבט איהם אָן ווערען פארדעכטיג ס׳גאנצע געזעמעל מיט מענשען. עפּעס אזוינע אויסטערלישע לייט. מ׳זעהט זיי גאָרנישט אין ערגעץ. און קיינער איילט זיך נישט. מען לויפט נישט. אדרבא. מען געהט צו צו א טישעל. מען

# אַ פרעמדער

אונזער קעניגרייך איז מיסטיש,
אונזער וועלטענטום איז פרעמד.
(מצו־פא.)

ער קומט אריין אין אונזער קאפע — דאָרט וואו מיר זיצען און זופען אונזער ביטערטיי און שמועסען וועגען דער צוקונפט פון דעם אידישען ליעד. ער איז א פרעמדער — גאָט ווייס ווי אזוי ער קומט אהערצו! ער שרייבט נישט. ער דיכטעט נישט. ער זינגט נישט — סיידען אמאָל ווען ער איז שכור.

דאָס רעטעניש: ווי אזוי איז ער אריינגעפאלען אהערצו — אין דעם קליינעם אָנגערויכערטען קאפעהויז מיט די מענשען וואָס ז י צ ע ן אָ פּ ז י י ע ר צ י י ט אין דעם ליטעראַרישען קאפע־געפּענגניש, ווי זיי וואָלטען געווען פאר׳משפּט דאָ אויסצובריינגען זייערע בלייכע לעבענס? ווי קומט א פרעמדער מענש, א פּריוואטער בירגער, נישט פונ׳ם שטויביגען קינסטלער־לאַנד, אָנצושלאָגען מיט זיינע פיס די שוועל וואָס מיר אלע געהען פּאַראיבער יעדען טאָג מיט א פארשאָלטענער פּינקטליכקייט, ווייל אונזערע זעלבסטבאוואוסטע, פארשלאָפענע פיס טראָגען אונז אהערצו קעגען אונזער ווילען?

ווי קומט א מענש פון דער פרייער ווייסער וועלט אריינצובלאָנזשען אהערצו — אין דער וועלט פון צארט־

וואַלט ביי איהם געווען נישט מעהר ווי א צייטפארטרייב אין די לאנגוויילינע טעג.

און דאָס קליינע, ענגע, זעהר באקוועמע קאוועשטיבעל רוישט, טומעלט, און ווערט פארקלונגען פון דעם רוף פון אלערליי אויגען, וואָס בעטען זיך, מ׳זאָל זיי באצאָהלען א ביסעל כבוד, שענקען א ביסעל לויב.

ערגעץ אין א זייט שטעהט א פארשטויבטער פאבעל־דיכטער, וואָס זעהט אליין אויס ווי אן אלטע פאבעל, און קלאפט מיט׳ן פוס צום טאקט פון די פערל, וואָס שיטען זיך פון זיינע צעטריקענטע ליפען. אין הינטערגרונד, נישט ווייט פון דער קיך, ווייזט מען זיך אויסטערלישע דימענטען, ליטווישע בריליאנטען, רוסישע סמאראגדען, גאליצישע טאָפּאזען — און דאָס אלעס פינקעלט זיך צו־נויף אין איין ברייטען פארביגען שטראל, וואָס שפרייט אוים זיינע וואונדער איבער אונזער הארטען לע־בען, און מיר פאלען און פלאָנטערען זיך אין א פארביגען שפינוועב פון קאלטען פייער, און עס איז היימליך, און קאלט, און כישוף׳דיג, און פרעמד, און נישט צום פאר־שטעהן.

אַ, ברידער מיינע!

אז ער האָט א גאנצע נאכט נישט געקענט שלאָפען, אז סע טוט איהם וועה דער קאָפּ, אז ס׳איז ביי איהם גע־שטאָרבען ס׳קאנאריקעל, און ער ריכט זיך אז זיין גאָלד־פישעל זאָל היינט־מאָרגען קריגען לונגענאָנציגדונג. דעם רופט מען ביי אונז דער לירישער, און מ׳צאָהלט איהם פּאָראויס, פון רחמנות און פון ליעבשאפט צו זיינע שעהנע, פייכטע אויגען.

א פערטער קומט צוגעהן און רעדט וועגען וועטער, וועגען אתרוגים, וועגען קולטור, וועגען ערדציטערנישען, וועגען פישאייל, אָבער פון דער מאשין רעדט ער נישט. ער קוקט נאָר אויף איהר מיט איין אויג, און זאָגט אייך, אז איהר האָט זעהר א פיינע היים און אז אייער אינגסטע טאָכטער איז אן אמת׳ע שעהנהייט, און ביטע לאָזט זי שעהן גריסען. נאָר א שאָד, וואָס איהר האָט בלויז דרייצעהן טעכטער — אזא שעהנע מוטער, אָהן עין־הרע! דעם רופט מען ביי אונז דער טאקטי־שער. ער רעדט נישט וועגען זיך אליין, נאָר די אויגען שרייען ביי איהם געוואלד און בעטען אביסעל כבוד, און ער נארט ביי אייך אויס דאָס, וואָס סע קומט איהם מיט רעכט.

דער פינפטער איז דער, וואָס קומט אריין, זאָגט א העפליכען גוטמאָרגען, פרעגט זיך נאָך אויף אייער געזונט, און נעמט ארויס ס׳ביכעל זעהן, וואָס עס קומט איהם. אויב איהר גיט איהם—איז גוט, אויב נישט—מאָנט ער. נישט שטרענג, נישט ערנסט. ער ווייסט, אז דאָס איינ־קאסירטע פארמעג געהערט נישט צו איהם, נאָר צו דער הויפּטפירמא, און ער דארף עס בלויז אָפּהיטען, און ציי־טערען דאריבער, און ארויסשרעקען פון זיך דאָס לעבען — טאָמער נעמט מען עס ביי איהם צו. דעם רופט מען ביי אונז דער צעקנעפּעלטער, און מ׳האָט איהם נישט זעהר ליעב, דערפאר, וואָס ער מאָנט עפּעס מיט אזא גרינג הארץ, גלייך ווי דאָס גאנצע איינקאסירען

נעבעך, אז זיי קומען אריין און טרעפען נישט פון וועמען איינצוקאסירען ס'ביסעל רוהם. ג ע פ אָ ה ר ע ן  א ו מ־ ז י ס ט  א ז ש  פ ו ן  ד י  ב ר אָ נ ק ס! — טראכטען זיי און זיפצען אָפּ מיט א פארבאָרגענעם זיפץ, וואָס איז הארצרייסענד.

און אויך דער אופן פון איינקאסירען איז פארשידען פון איינעם ביז צום אנדערען. ווי אין דעם לאנד פון קו־בערגעלט און גאָלד, אזוי האָט אויך ביי אונז יעדער סוחר זיין אייגענע מעטאָדע פון איינקאסירען.

ווי פינף אגענטען פון נעהמאשינען, צומביישפיעל:

איינער קומט ארויף און נאָך איידער ער ווייסט, צי מ'וויל איהם עפעס געבען אָדער נישט, שרייט ער — פארוואס צאָהלט מען איהם נישט קיין געלט? ער קאָן שוין לענגער נישט ווארטען! דעם רופט מען ביי אונז ד ע ר  ט ע מ פ ע ר א מ ע נ ט פ ו ל ע ר. ער קלאפט נישט אָן אין טיר און קומט אריינצולויפען און בייזערט זיך, און שרייט, און סטראשעט — כאָטש קיינער האָט איהם נישט געבעטען ער זאָל אריינשטעלען די מאשין.

דער צווייטער איז דער ליעבליכער, דער שמייכעלדי־גער, דער זיסער, דער רחבות'דיגער. ער קומט אריין מיט א פיינעם גוטמאָרגען, געהט־צו צו דער מאשין און פרובט כלומר'שט צי זי ארבייט, און רעדט זעהר גרויסמוטיג פון אנדערע מאשינען — אז זיי זענען א ו י ך נישט שלעכט, יעדער האָט זיך זיין מעלה. און צום סוף פרעגט ער: צי דענקט איהר נישט, אז דאָס רעדעל דרעהט זיך עפעס אביסעל שווערליך, און צי איהר מיינט נישט, אז ער דארף עס אויסבעסערען. דעם דאָזיגען רופט מען ביי אונז ד ע ר  א נ ג ע נ ע מ ע ר  ד י כ ט ע ר. ער מאָנט נישט קיין כבוד, נאָר ער ברענגט אייך שטילערהייד אריין אין אזא לאגע, אז איהר מוזט אויף איהם ווארפען בלומען.

דער דריטער איז דער נכנע, דאָס נעביכעל. ער קומט אריין און קנייטשט זיך און קרעבצט און שמייכעלט עפעס אזוי מאָדנע. ער דערצעהלט אייך אין האלבע ווערטער,

ע כ ט גיט מען איהם דערפאר עטליכע קאלטע רוהם־פרוטות, און דער סוחר ווערט ביי זיך געפאלען, נידריג, דערשלאָגען. פארשעמטערהייד שארט ער צונויף זיינע פערעל, פארזאמעלט זיי צוריק אין זיין בוזים קעשענע, און בלייבט זיצען אן אומעטיגער, און ער קוקט אינ׳ם דאמף פונ׳ם גלאָז טיי, ווי עס פארגעהט זיין לעבען, זיינע חלומות — אזוי גרוי און צענישטיגט. אנדערע קומען צוגעהן און ברענגען זייער סחורה — ביליגע, רויהע סחורה, וואָס גלאנצט שרעקליך, און סע שעמערירט ווי זיבען פאלשקייטען צונויפגעגאָסען אין איינעם. זעצען זיי זיך אוועק ביי א טירוווינקעל און מעסטען זיך אָן איינס ס׳אנדערע די צירונגען, אזוי ווי שניידעריונגען. לויבען זיך געגענזייטיג, רעדען פון בלויע בריליאנטען און — קוקען צו זייערע מיידלעך זעהען. דאָס איז די הויפּטזאך. און, אז די מיידלעך קוקען זיך אום און שמייכלען, קריגט מען מוט, צעפּאקט מען ס׳גאנצע פּעקעל מיט פארבשטיי־נער, און מען דערטרינקט אין זייער גלאנץ די בלייכע נשמה, וואָס שרייט ארויס דורך די אויגען.

עס ווערט שפּעט. עס ווערט לעבעדיגער. די סוחרים זיצען און רעדען פון דאנציגער סחורה, פון ווארשעווער, פון פּעטערבורגער, פון פּאריזער. „נישטאָ שוין היינט אזא סחורה" — זאָגען די עלטערע סוחרים, און באשטע־לען צו פּאָרציעס אלטען קוכען. „די ווארשעווער סחורה, הא, הא!" — לאכען די אינגערע און זינגען פּאָלקסלידער. עס קומט אָן דער אינמיטענדערנאכט, באשעפטיגטע אומ־שטערבליכקייט־סוחרים קומען אריינצופליהען אויף א מי־נוט געוואָהר ווערען ווי עס האלט היינט מיט די אקציען פון זייער בארימטקייט און צי עס איז שוין ארויף עטליכע פּונקטען. זיי גריסען זיך זעהר פריינדליך, בייטען איבער אלטע קאָמפּלימענטען פאר נייע, פארנייגען זיך פאר די גרויסע סוחרים, ק אָ ל ע ק ט ע ן ס׳ביסעל כבוד און—לוי־פען אהיים. זיי האָבען נישט קיין צייט. זיי דארפען מאָרגען אוועקפּאָהרען. און ווי פארביטערט זענען זיי

קאָפּ דערפון און מיר וואקלען זיך און זוכען די ווענט, און מיר — פאלען.

ווילען מיר שטארקע סענזאציעס, שטורמגעפיהלען,— טוען מיר אויס אונזער חבר'ס א ליעד נאקעט און מיר האָבען דאָס זינדיגע, ליבליכע געפיהל וואָס מ'האָט, אז מ'טוט אויס נאקעט א געליעבטע. מיר האָבען ליעב דאָס ליעד — דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע און מיטעלמעסיגע, ווייל דאָס האָט מען א ו נ ז ארויסגעזונגען אין ווערטער, דאָס זענען מ י ר אליין — אין די שווארצאפּעל פון אונזער געליעבטער'ס אויגען. מיר זינגען דאָס ליעד וואָס זינגט און ווערט געזונגען — דורך [illegible]גנט שטימען, דורך דער גאנצער הייזעריגער, בלייכער, התלהבות'דיגער, פאר'לבנה'טער ברודערשאפט. מיר זענען די איינציגע טיילען פון עפּעס א גרויסער זינג־חיה, וואָס איז צעהאקט געוואָרען אויף טויזענט שטיקער, און יעדער שטיק וואַרפט זיך באזונדער און לעבט, ביז וואנעט עס קומט עפּעס א פאָדעם, וואָס ציהט אונז צונויף, — א וואָרט אָדער א געשעהעניש — און מיר ווערען פארגאנצט און פאראייניגט, און קיינער קען אונז דעמאָלט נישט שלאָגען אויפ'ן קאָפּ און עס זאָל נישט וועה טון דעם לעצטען פוספינגער.

מיר קויפען און פארקויפען ווי סוחרים, נאָר אָנשטאָט רענדלעך, גיבען מיר ווערטער, אויגענבליצען, האנטגרוסען. אלע פארנאכט זייגער פינף שטעלט זיך דער מארק, דער שטילער יריד. קומען אונזערע גאָלדשפּינער פון דער גאנצער וועלט אין אָפּגעריסענע מאנטלען, צעקנייטשטע געזיכטער, פארשלאָפענע הענט, טיפע, אויסגעברענטע אויגען און נעמען זיך ווייזען די סחורה — אין אלערליי פּאַפּירלעך. עס קומען די אויסלענדישע גרויסהענדלער מיט די נייעסטע פּערל, וואָס זיי האָבען געפונען אין א זשאבעשיסעלע פון א טויטגעפיהל. מען וועגט עס. מען מעסט עס אָפּ. מ'ע פּרובט עס מיט די ציין. מ'ע האלט עס קעגען דעם ליכט, און, אז מ'באשליסט, אז ס'איז

אונזערע קויפער זענען אייגענע מענשען, איינגעשוואוירע־
נע, צעך־באוואוסטע, און זיי ווייסען גענוי ביז צום לעצטען
גאָלדשטויבעל די ווערט פון יעדער שטיקעל סחורה, דעם
שטאנד פון יעדען ארטיקעל — עס מעג זיין מעטאל,
אָדער פרוכט, אָדער צירונג, אָדער שווארצע ערד, אָדער
זאלץ. זעלטען אז אונזער קויפער איז א פרעמדער —
איינער, אָדער איינע, וואָס דער רוהמווינט האָט אריינגע־
בלאָזען פון דער דרויסענדיגער וועלט. דעמאָלט פיהלען
מיר זיך זעהר געשמייכעלט. מיר טראכטען: מ׳איז גע־
קומען צו אונז פון דער ווייטער וועלט — אזש פון
דרויסען. ווייל דער טויטער פון אונזער קיניגרייך
איז אפשר טויזענט מייל פון אומעטום, און דער אָטעם פון
דעם נישט־קינסטלערישען הימעל, און פון דער נאטירלי־
כער ערד איז אונז אזוי דערווידער, ווי דאָס גראָבע, רויהע,
הארטהענטיגע לעבען, וואָס לאכט אונז אויס.

טאָגטעגליך, נאכטנעכטליך קומען מיר אין אונזער בער־
וע אריין געוואָהר ווערען, ווי עס האלט דער מארק פון
אונזער אומשטערבליכקייט, ווי עס שטעהען די אקציען
אויף אונזער רוהם, וואָס עס איז צוגעקומען אָדער אָפּגע־
פאלען דורך׳ן לעצטען טאָג אויפ׳ן הויכוואסער פון אונ־
זער טויטען ים.

און אז מיר זיצען פארווינקעלט און איינגעבויגען
איבער׳ן דאמף פון א גלאָז טיי, וואָס הויבט זיך ווי א וויי־
נענדיגער וואָלקען צו אונזער שמאָלען הימעל, טראכטען
מיר פון אונזער ווארע, — די אלטע פרעמדלענדערדיגע
ווארע, וואָס מיר טראָגען מיט זיך אזוי פאָרזיכטיג, און
מיר האָבען מורא אויפצוקנעפּלען אונזער הארץ, כדי מיר
זאָלען חלילה נישט פארלירען די זעלטענע צירונג.

מיר זענען אידישע קינסטלער, מיינע וואוילע! אונ־
זער חכמה ליגט נישט אין פאס, אונזער וויסענשאפט איז
נישט איינגעבונדען אין רייפען. מיר זענען אזוי פאר־
ברעכעריש ניכטער, אז עס דרעהט זיך אונז אזש דער

# אויף דער בערזע פון פערעל און גאָלד

ווי די ענדלער האַנדלען —<br>
אַזוי האַנדלען ענדלער.

ברידער! נישט בלויז סוחרים און ענדלער און קליינקרעמער האנדלען אזוי, נאָר אויך מ י ר — גאָט־באנאבטע, איידעלע, וואונדערוואוילע שריפטשטעלער. אויך מיר, אומעטינע ברידער מיינע, זענען סוחרים, וואָס האנדלען לויט'ן געזעץ פון אויסטויש, לויט די פאָרשריפטען פון מסחר.

וואָהר איז: אונזער סחורה איז נישט קיין אמת גאָלד אָדער זילבער, נישט קיין זייד אָדער צימרינג, נישט זאפראן אָדער פעפער, אָבער — אונזער מעטאָדע פון איינקאסירען, פון ק אָ ל ע ק ט ע ן, איז דיזעלבע, ווי אויף דער רוישיגער וועלט פון האנדעל, ווי אויף דעם גרויסען וועלט־יריד פון פרנסה.

אונזער בערזע האָט נישט קיין מירמעלנע טרעפ, און קיין שיקיונגען אין פיינע מונדירען — אונזער בערזע איז פארוויכערט און ענג. די ווינקלען זענען אויסגעקינצעלט מיט פארבינען טוך, די ענגליכט זיינען געל און בלאָה און זיי ווינען אראָפ מיט א האלבווארימקייט, וואָס איז אזוי פאליש און ריהרענד. אויף אונזער בערזע קלינגט קיינמאָל נישט דער כישוף־קלאנג פון גאָלדענע רענדלעך. אָנשטאָט דעם קלינגען ווערטער, שאצונגען, ציטאטען.

איך מיין טויטע אינגעלשאפט אויפוואַרימען, וועל איך מיין לעבען באַנייען, וועל איך די אייזערנע אַסונה־האַק אויסשמיעדען.

אָבער די שוהל, די שוהל! ווי פרעמד איז זי מיר. ווי פרעמד זענען די מענשען. ווי שלעכט שמעקט מיר דער אָטעם פון די שטאַרבענדיגע ליכט. ווי אונמעגליך איז מיר דער ריח פון צעוואַרימטע טרערען, און — די זשעסטען! און דער טויבער מענשענגעשריי וואָס טרינקט זיך אין א וואַסערדיגען נעבליף. ווי פרעמד איז מיר דאָס אַלעס, ווי דערווידער!

און א פאַרשעהמטער, ווי איינער וואָס טוט א גרויסע עבירה, ווי דעמאָלט ווען איך האָב צום ערשטען מאָל געבראָכען מיין יום־כפּור־תענית, — שטעה איך איצט אין שוהל און איך פיהל מיך אַזוי זינדיג, אַזוי באַפלעקט, אַזוי פאַלש.

פאַרגיב אונז, גאָט, ווייל מיר ווייסען נישט וואַס מיר טוען, ווייל מיר וואַנדלען אין דער פינסטערניש, אין'ם שאָטען פון'ם טויט.

לויפט די צייט ווי עפּעס א טונקעל וואסער, וואָס אָרגעלט זיך צווישען שטיינערנע אפּגרונדען: אמאָל איז עס געפּעהרליך טיעף, אמאָל שפּיגעלדיג פּלאך, אָבער תמיד שלעפּט עס אויפ'ן רוקען די שאָטענס אוועק — די אילוזיען.

איז די פרייקייט רויט און רייף געוואָרען אין מיין נשמה, און דער גלויבען איז אויף די וואסערען פון דער צייט פארשוואומען. און איך בין געבליבען אזוי ליידיג, ווי אן אויסגעפּלינדערט טעמפּעל, פון וועלכען מ'האָט אלע הייליגקייטען ארויסגענומען און אלע טירען אָפּען געלאָזט.

נאָר אויף די ווענט פון מיין נשמה זענען געבליבען צייכענס פון דער אויספּלינדערונג; און קאלטע שפּינען האָבען זייער געוועב פארשפּרייט, און אויף דער שפּינ־וועב־טיר פון מיין אונגלויבען, האָט די לעצטע לעבעדיגע שפּין געציטערט און מיך געשראָקען.

ווייל דער יסוד פונ'ם מענש איז די ערד, און צו דער ערד קערסטו זיך אום, און אייביג בלייבט דער הימעל, און דער גאנג פון די שטערען בלייבט אייביג.

א יאָהר און צוויי און צעהן און פופצעהן. און אומעטום זעהסטו: מענשען בעטען צו גאָט און זייערע בעטענדיגע הענט בליהען קעגען הימעל, ווי פעלדער מיט ווייסע תבואות. און פונ'ם הימעל נידערט אראָפּ א שפּריירענען פון האפנונג און טרייסט און בענשונג. און אלע מעכטיגע דעמב־וועלדער קאָנען זייער בליק פונ'ם הימעל נישט אָפּרייסען, מוזען זייער לויב אויסציטערען.

און דער צווייטער יום־כפּור.

מיט גרוים עהרפורכט און דערשלאָגענקייט דער־נעהענטער איך מיך צו דער שוהל. איך וועל גאָט בעטען, גאָט בעטען. איך וועל אונטער'ן טלית פארקריכען, אונטער'ן פאנצערקלייד פון רעליגיע וועל איך מיך שי־צען פון דעם פייער פון דעם נראָהען שונא, פון דעם תלוצית־פרעסער. ביים שיין פון די יום־כפּור ליכט וועל

און דער גלויבען איז דער איידעלסטער נערוו פונ'ם לעבען.

האָט מיר יאָהרען גענומען ביז וואנעט כ'האָב דעם גלויבען פון מיין הארץ ארויסגעריסען. אויף פרעמדער ערד צווזעט, אינ'ם ווינט פון אייזענשטויב, אין די ווענט פון די פאררויכערטע זאלען, וואו מ'האָט לעקציעס געלייענט איבער דער פרייקייט פונ'ם לעבען, איבער די ליידיגקייט פון די הויכע הימלען. און וואָס מעהר איך האָב אויסגעליידיגט דעם הימעל, אלץ ליידיגער איז געוואָרען מיין אייגען לעבען, וואָס מעהר איך האָב פארשאָטען מיין וועג צו דער שוהל, אלץ מעהר האָב איך פארשאָטען מיין וועג צו זיך אליין, און איך האָב זיך אין ערגיץ נישט געקאָנט באגעגענען און רעדען צו זיך.

און דער ערשטער פרייער יום כפור:

ביים ים בין איך געזעסען, געקוקט ווי גראָהע שיפען חלום'ען זיך אוועק אין די ווייטקייטען אריין, ווי די וואַ־סערען פאליען־זיך און שלאָגען מיט עהרפורכט און פרומ־קייט, ווי דאָס זאמד פונ'ם ברעג הויבט זיך אלעמאָל אויף מיט גרויס ציטערניש און עס ווייסט נישט וואָס ס'זאָל טון. מיר איז געווען אזוי אומעטיג־שווער אינ'ם בלוט. טויזענטער שוהל־געזאַנגען האָבען געקלונגען דורך מיין לייב און איך האָב מיין נשמה טויב געמאכט מיט הויכע געזאנגען וועגען פראַגרעס און פרייהייטס־קאמף און רויטע פאָהן. אָבער ס'הארץ האָט געוויינט און זיך געבעט־טען אין שוהל אריין — אהין צו די שטענדערס, מיט צאנקענדע נשמה־ליכט, אהין וואו מ'וויינט אונטער טליתים, און מ'בעט גאָט אז ער זאָל מוחל זיין אויף די זינד, ווייל וואָס זענען מיר? — א שטויב וואָס פארגעהט, א פייער וואָס פארלעשט, א וואסער וואָס טרוקענט אויס.

אָבער דאמאָלט בין איך געווען יונג און פארגלויבט אין דער רעליגיע פון פרייקייט. איך האָב דעם ערשטען יום־כפור־תענית געבראָכען, און איך האָב מיך געפיהלט אזוי זינדיג, אזוי באפלעקט, אזוי פ א ל ש.

# הנני העני ממעש

ווייל עס ענדערט זיך, עס ענדערט זיך דאָס לעבען.
טייכען פארגעהען, זונען ברענגען אוים הינטער די בערג,
אלטע טויטקייטען ווערען אויף נייע לעבענס איבערגעגאַ־
סען און מיט שארפע ציין בייסט זיך דער היינט אָפּ פון
די נעכטענס, וואָס ציטערען רויטבלוטיג אויף זיינע ליפּען
ווי א צעהאקטע שלאנג.

אמאָל איז געווען: איך בין געקומען פון א גלויביג
אָרט, פון א קליין ווינקעל־אָרט, וואו וואסערען זינגען
און טויבען פליהען איבער די דעכער, און די שוהלען זע־
נען הויך און קאַלט און מורא׳דיג, און די מענשען זענען
קליין און דערשלאָגען און אין זייערע אויגען ברענט א
טיפער צער, אן אונטערטעניגקייט צו די שווערע,
פריצישע הימלען, וואָס ייארפּען זיך ארויף אויף דעם
אָרימען בלאָטיגען שטעטעל פון ווייסען ליים.

האָט די אמונה זיך אין מיין בלוט אריינגעזאפּט, און
מיין הארץ איז צום הימעל באהעפט געווען.

איז שווער א יונגער פלאנץ פונ׳ם היים־אָרט ארויסגע־
ריסען צו ווערען, קאָן זי ערגיץ אנדערש נישט בליהען,
און וואָס איידעלער די פלאנץ, אלץ שווערער וועט זי זיך
אין פרעמדער ערד אריינוואקסען.

ווייל דאָרט איז די ערד ווייך ווי די האנט פון א
קראנקער מאמע׳ן, און דאָ איז זי הארט ווי די קללה פון
א שטיף־ברודער.

און נישט זאמענדיג קיין סך, האָט זי איינגעפּאקט א פּאָר אלטע שקאָרפּיטקעס אָהן פּיאטעס, צוויי פּאָר קאָלאָשען מיט אויסגעריבענע קנאָפּעל, א שטרויענעם דאַמען־הוט פון יאָהר 1841, צוויי קופּאָנעס פון זייף, עטליכע שוועבעלעך, א שירם אָהן א רעכיל, א פּעהנדיל פון אנטלאנטיק־סיטי, און מאכענדיג דערפון א שעהן פּעקעל, האָט זי מיר געהייסען איינשפּאנען דעם אויטאָמאָביל און עס אוועקפיהרען אין מלבוש־ערומים קלוב.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דעריבער זאָג איך: ווען יעדער איינציגער פון אייך זאָל טון זיין פליכט צו זיינע נויטליידענדע ברידער און שוועסטער, אזוי ווי איך און מיין פרוי, דאן וואָלט די גאנצע פראגע פון ארבייטסלאָזיגקייט געלייזט געווארען אין איינע פּאָר טעג.

היסטעריקעס און אראָפּגעפאלען פון בענקעל, אויף וועלכען איך בין געשטאנען.

אז מיר זענען געקומען צו זיך, בין איך גלייך אוועק צו דער קליידער־שאַפע, ארויסגענומען מיין טייערען סוי־בעלנעם טוליפ, איהם איינגעפאקט אין א גרויסען פאפיר און געהייסען מיין פרוי איהם אוועקלעגען אין קליידער־קאסטען און באשיטען איהם מיט קאמפער. דאן האָב איך אראָפּגענומען פון הענגער מיין גוטען שבת'דיגען אנצוג, איהם אָפּגעשטויבט און געהייסען מיין פרוי איבערשטע־לען די קנעפּלעך פון פּרינץ־אלבערט, ווייל ער איז אויף מיר שוין אביסעל צו ענג. דאן האָב איך ארויסגעוויקעלט פון א ליילעך, מיין פרוי'ס קאראַקולענעם מאנטעל און איהם אוועקגעשיקט צום שניידער אויסצופרעסען. דאן האָב איך ארויסגענומען פון קאמאָד א פּאַק וואָלענע אונטערוועש און זאָקען, און אונטערקליידער, און צוריק ארייגעלעגט.

פארטיג געוואָרען מיט דער דאָזיגער הויז־ריינינגונג, האָב איך זיך געפיהלט אביסעל באַ־רוהיגט און באמערקט צו מיין פרוי:

— א דאנק גאָט! מיר האָבען א הויז מיט אלדעס גוטס!

— ניט צו פארזינדיגען! — האָט געענטפערט מיין פרוי מיט א צדקה־זיפצעל — אז מען באטראַכט וויפיעל נויט און עלענד עס הערשט איצט ביי אונז מעגען מיר ווירקליך דאנקען גאָט, וואָס מיר זענען ב"ה גוט־אָפּ און מיר האָבען אין שטוב פון אלעם גוטען.

— פונדעסטוועגען וואָלט מען באדארפט צונויפקליי־בען א פּעקעל — האָב איך באמערקט גלאט אזוי און גע־פיהלט, אז מיין געוויסען הויבט שוין אָן גענוצען.

— געוויס! — האָט צוגעגעבען מיין ווערטע פרוי, וועלכע, אגב אורחא באמערקט, איז א גרויסע אָנהענגע־רין פון באזארען און איז באקאנט אין דער נאכ־בארשאַפט אלס די גרויסע נדבה־געבערין אין רף־לב'ניצע.

ווי געזאָגט: מיין געוויסען איז אָלרייט. און דע־ריבער, אז איך האָב לעצטען דאָנערשטאָג איבערגעלעזען דעם אויפרוף פון דעם מעיאָר'ס „ארבייטסלאָזיגקייט קאָמיטעט", אז אלע בירגער זאָלען זיין אזוי פיל גוט און אויסקלייבען די בעסטע זאכען, וואָס זיי האָבען, דאָס איינפּאקען אין פּעקלעך און עס אוועקטראָגען אין פאר־שידענע פלעצער, פון וואנעט מען וועט דאָס צונעמען און צעטיילען צו די נויטבאדערפטיגע, האָט אין מיר גלייך אויפגעוואכט דאָס איידעלע געוויסען און מיך גענומען שרעקליך בייסען: סטייטש, האָט מיין געוויסען גע־טענה'ט, מענשען געהען אויס פון הונגער, ווערען דער־פרוירען פון קעלט און דו שווייגסט.

האָב איך גלייך צונויפגערופען מיין פרוי מיט די ליעבע קינדער און זיי אָנגעוויזענדיג אויף דעם הארצ־רייסענדען אפּיעל אין מיין צייטונג, האָב איך זיך אוועק־געשטעלט אויף א בענקעל און גענומען האלטען פאָלגענ־דע רעדע:

ווערטע פרוי און מיינע ווערטע קינדער!

מענשען שטארבען פון הונגער און אייער טאטע שווייגט. לייטע ווערען געשוואָלען פון קעלט און אייער טאטע געהט אָנגעטון אין א גוטען טוליפּ. פרויען און קינדער שלאָפען אויף די נאסע פּאָדלאָגעס פון עלים איי־לאנד און אייער טאטע געהט אין אידישען קאבארעט. קאָן נישט פלאצען דאָס הארץ? דארפען נישט שטיינער צוגאָסען ווערען אויף דעם גרויסען חורבן פון ארבייטס־לאָזיגקייט? דאריבער, ווערטע פרוי און קינדער, לאָמיר זיך צוכאפּען צו די קליידער־שאפּעס און מאכען פּעקלעך. לאָמיר אוועקגעבען אלעס, וואָס מיר פארמאָגען און לאָמיר בלייבען אָרימע אָבער ע ה ר ל י כ ע ל י י ט מיט ריינע געוויסענס!

ביי אָטאָדעם רירענדען טייל פון מיין רעדע האָט זיך מיין פאמיליע צעוויינט. איך אליין בין אריין אין די טיפע

# פּעקעל טאָג

געשריבען, ווען דעם נויאָרקער מעיאָר'ס קאָמיטעט־צו־זאָרגען־פאר־ארבייטס־לאָזע האָט ארויסגעלאָזען אַן אויפרוף מ'זאָל מנדב זיין פּעקלעך קליידער.

**איך בין** א מענש מיט א ווייך הארץ און אן ערעל געוויסען. פּרובט קלאַפּט אָן אין מיין געוויסען אין מי־טען נאכט און עס וועט זאָגען „אריין"! אמת, אז מיין געוויסען ארבייט ניט אין פולשטענדיגער הארמאָני, אזוי צו זאָגען, מיט מיין האנט און דעריבער קומען ארויס געוויסע מיספארשטענדנישען. אזוי צום ביישפּיעל, בין איך אנומעלטען פארבייגעגאנגען א געוויסע גאס און געזעהן ווי א פאמיליע ליגט נעביך מיט דעם ביסעל בע־ביכעס אין דרויסען, אין דעם שרעקליכען שניי־און־רעגען־וועטער און עטליכע קליינע קינדערלעך שטעהען נעביך לעבען דער מוטער און ציטערען ווי די שעפּעלעך פון קעלט. מיין געוויסען האָט זיך באלד אויפגעכאַפּט און בא־פוילען אריינצווארפען אין טעלער א זשמעניע מיט געלט, אָבער די רעכטע האנט מיינע האָט זיך געמאכט ניט ווי־סענדיג און געהאלטען לעבען מויל דעם פיינעם ציגאר, אזוי לאנג ביז וואנעט דאָס געוויסען האָט זיך פולשטענ־דיג בארוהיגט.

וואָרים דאדורך וואָס מ׳עפּענט איהר די אָדערען, און זי פארלירט דאָס בעסטע און יונגסטע בלוט, ווערט זי עדע־לער, בלאסער, אריסטאָקראטישער.

אויב דאָס איז אמת, דאן וועט די מענשהייט מיט דער צייט ווערען אזוי אריסטאָקראטיש אויסגעאיידעלט, אז מ׳עט זי מוזען ארומפיהרען אויף א וועגעלע, אליין וועט זי נישט קענען געהן אויף די פיס.

די פאָלגען פון מלחמה זענען זעהר טרויעריגע. אָבער נאָך טרויעריגער איז, אז מען דערלעבט נישט צו זעהן די דאָזיגע פאָלגען צוליב דעם וואָס מען שטארבט אומגע־הויער פאר׳ן ליעבען פאָטערלאנד.

געברויך". מאכט דער ערימער קייזער: „לויט וועלכען אינטערנאציאנאלען פאראגראף פאדערסטו עס?" מאכט דער רייכער קייזער: „איך פאדער עס נישט לויט פאראגראפען, נאר לויט שכל" און ער ווייזט איהם א פויסט מיט אן אייזערנער הענטשקע.

די מלחמה באשאפט אויך א סך העלדען, וועלכע ווע־לען געהן אין פייער אריין אבי צו ראטעווען א מענשענ'ס לעבען, הינו: זייער א י י ג ע נ ס.

עס איז אויך באקאנט, אז די מלחמה רופט ארויס פיעלע גוטע אייגענשאפטען, וועלכע זענען איינגעוואר־צעלט אין יעדען מענשען, נעמליך די אייגענשאפט זיך אביסעל דורכצולויפען, פון צייט צו צייט, וואס דאס איז זעהר א גוטער עקסערסייז.

איבערהויפט איז די אייגענשאפט שטארק אנטווי־קעלט ביי די רוסען. די דאזיגע מענשען לויפען ניט נאר ביי יעדער מעגליכער געלעגענהייט נאר אויך אין דער צווישענצייט. מען קאן מיט רעכט זאגען, אז נאך אזא ב א ו ו ע ג ל י כ ע ארמיי ווי די רוסישע איז גאר נישטא אויף דער גאנצער וועלט.

פון אלע פעלקער, צייכנען זיך די אידען אם מייסטען אויס מיט זייער קריגערישען גייסט. אידען קריעגען זיך אין שולען, אין סאסייעטים, אין העסטער סטריט, אויף די קאנגרעס מיטינגען, אין די צייטונגען, קורץ זיי קריע־גען זיך אומעטום וואו זיי קומען זיך צונויף. דער איינ־ציגער ארט וואו אידען קריעגען זיך נישט, און וואו זיי זענען כמעט אלע איינשטימיג איז אויפ'ן קריעגס־פלאץ, וואו מ'ערלויבט זיי זעהר גרויסמוטיג צו שטארבען פאר זייער 1428 פאטערלענדער.

א טייל סאציאלאגען באהויפטען, אז די הויפט אור־זאך וואס רופט ארויס מלחמה איז דאס, וואס די מענש־הייט קינדעלט צו פיעל און דאס ליעבע ערד־קוגעלע איז נישט פעט גענוג פאר אלעמען. אן אנדער סברא איז, אז מלחמה איז אדרבא זעהר געזונט פאר דער מענשהייט.

שניידערס אין דער מלחמה. „ליעבער שוסטער", שרייבט דער געוויסער קייזער, „איך טו דיר מעלדען, אז קייזער עליע דער 45טער איז א פארך, א שארלאטאן און אז דו האסט איהם פיינט ווי א חזיר. דו קענסט איהם נישט אנקוקען קענסטו איהם נישט, און סע ברענט אין דיר א שרעקליך געפיהל פון נקמה געגען קייזער עליע דעם 45טען, האב איהם א פינצטער יאהר! דאריבער שרייב איך דיר, ליעבער שוסטער, שרייבט דער קייזער, אז מארגען, זייגער צוועלף, אז מע'ט דערלעבען מיט גע־זונט, וועסטו אפטשאטעווען ערגיץ אין א זייטיגען געסיל, קייזער עליע'ס היטעלמאכער און איהם אויסברעכען א פוס מיט א שייט האלץ. און פ. ס. — שרייבט דער גע־וויסער קייזער — אויב סע'ט דיר געלינגען אויסצוברעכען א 63 אזעלכע פיס, וועסטו דערפאר א מינוט פאר'ן טויט קריגען אן אייזערן צלם'על, וואס האט די ווערט צוויי פיטאקלעך."

און אט אזוי ווערט מלחמה.

די גרעסטע וועלט־מלחמות וואס זענען באקאנט אין דער געשיכטע, זענען געפיהרט געווארען צוליב ערד. אז א י י ן קייזער, א רייכער, פאהרט פארביי די פארם פון א צווייטען קייזער, אן ארימען און דערזעהט א פעט שטיק לאנד, אויף וועלכען עס פאשען זיך די געזונטע פי־נאנצען מיט די גרויסע אייטערס, שיקט איהם דער ריי־כער קייזער אריין א וועגעלע מיט נאטעס, אין וועלכע ער שרייבט איהם, אז ער זאל אויפהערען צו באליידיגען די פאהן. מאכט דער ארימער קייזער: ו ו ע ר ב א־ ל י י ד י ג ט ד ע ן ד י י ן פ א ה ן? א ז מ י י־ נ ע מ ע נ ש ע ן ז ע נ ע ן ג א ר פ א ר נ ו מ ע ן מ י ט א ק ע ר ן ד י ע ר ד. מאכט דער רייכער קייזער: „אז דו האסט מיך שוין יא דערמאנט אין ערד, פאדער איך דיך אויף, אז דו זאלסט מיר אפגעבען גאר די ערד פון דער גאנצער וועלט, און זאלסט מיר נאך צואווארפען א זייטיג שטיקעל ערד, פאר מיין אייגענעם

# מלחמה

מלחמה איז א רעזולטאט פון ברודערליעבע.

אז קין האָט דערזעהן, אז זיין ברודער הבל *פארנעמט מעהר פלאץ אונטער דער זון* ווי ער, דערפאר ווייל ער איז א דיקערער מענש, האָט ער איהם דער׳הרג׳עט. פון דעמאָלט אָן לעבען זיך די מענשען ווי ברידער.

אין די אלטע, פינסטערע צייטען, ווען מענשען זענען נאָך געווען בארבארען, פלעגט א מענש אָנפאלען אויף זיין שונא און איהם אָפבייסען אן אויער, אָדער צעקייען א באק פון כעס. היינט צו טאָג ווען דער מענש האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון קולטור, בייסט ער שוין ניט אָפּ זיין שונא ס׳אויער, דאָס איז צו בארבאריש. אָנשטאָט דעם שיסט ער איהם אראָפּ דעם קאָפּ מיט א מאשינע, אָדער צעשאַטקעוועט איהם ס׳פנים מיט א פיין געפוצטען זעבעל, אָדער ער בויערט איהם דורך ס׳הארץ, מיט אן עלעגאנט געשליפענעם באיאָנעט. דאָס אלעס ווערט געטון אָהן שנאה, אָהן כעס, אָהן שום געפיהל פון בארבאריעשער נקמה, נאָר אין נאָמען פון א לייוועגטענער פאָהן, וועלכע האָט נישט די ווערט מעהך ווי א רובעל מיט 14 קאָפּיקעס.

אז צוויי קייזער־קיניגע צוקריגען זיך כאפען זיי ארויס טינט־און־פעדער און שיקען זייערע שוסטערס און

גאליציען אויך (ווייל מיר האָבען דאָרט געוואוינט) און שפּעטער מיט א יאָהר־צוויי האָבען מיר אין גאנצען אויפגעגעבען דעם פּלאַן און אויף אזא אופן איז עסטרייך־אונגארן נערעטעט געוואָרען.

איך דערצעהל דאָס אלצדינג, כדי איך צו באווייזען, אז קיין גוואלדינגער ק י י ז ע ר י ס ט בין איך אייגענטליך נישט, אָבער פונדעסטוועגען טוט וועה, וואָס עס איז אָפּגעשטאָרבען אזא היימישער קייזער, כמעט א אידישער און אזא עלטערער מענש און אזא מעלאָטראגישער.

יאָ ער איז טויט מיין קייזער. געשטאָרבען אויף דעמזעלבען אופן ווי פּרעזידענט ווילסאָן איז ערוועהלט געוואָרען צום צווייטען טערמין, הינו — ב י ס ל ע כ־ו ו י י ז.

זאָל זיין פרידען צו זיין נשמה, אויב ער איז טויט, און אויב נישט מעג סיי־ווי־סיי זיין פרידען צו זיין טראַגישער נשמה. ווייל שווער ליגט דער קאָפּ, וואָס טראָגט א קרוין און נאָך שווערער ליגט דער אומרוהיגער קאָפּ, וואָס סע פעהלט איהם די ק ר ו י ן (א האלבער רייניש) און ער האָט נישט וואו צו כאפּען קיין גמילת־חסד.

פּ. ס. שלאָף רוהיג מיין קייזער. א י ך, פון מיין זייט, וועל איך דיך נישט אויפוועקען, מיין אָרימער מאָנארך, איך האָב נישט ס'הארץ דערצו.

לייכטער און איז אוועק, באגלייט פון מיין מאמע׳ס גע־
וויין און פון מיינע קינדערשע קללות.

זינט דעמאָלט האָב איך צו איהם נישט גערעדט. אז
איך בין שפּעטער מיט עטליכע יאָהר געווען אין וויען,
האָב איך אפילו נישט געהאלטען פאר נויטיג אריינצו־
געהן צו איהם, אָדער איהם לאָזען וויסען, אז איך שטעה
איין אין האָטעל נ א צ י אָ נ א ל, אין דער טאבאָר
שטראסע. יענער אינצידענט מיט׳ן ענגלייכטער איז
געשטאנען צווישען אונזביידען ווי א שווערע וואנט.

דאָס אלעס האָט נאטירליך געווירקט, אז אונזערע
באציהונגען זאָלען זיין אביסעל אָנגעשטרענגט, אָבער
מיט דער צייט האָב איך איהם מוחל געווען. איך קען
נישט טראָגען לאנג קיין האס אויף א מענשען, און לע־
זענדיג וועגען זיין טויט, פיהל איך, אז נישט אבטענדיג
אויף אלע פערזענליכקייטען איז מיר דאָך אָפּגעשטאָרבען
מיין קייזער, דער איינציגער קייזער, וואָס איך האָב גע־
האט, און קיין בעסערען קייזער האָב איך דערווייל נישט
און אָהן א קייזער קען איך נישט לעבען א מינוט.

די ראָמאנען אין די טעגליכע צייטונגען האָבען מיך
צוגעוואוינט דערצו.

און א קייזער איז פאָרט א גוטע זאך. אז מ׳האָט א
קייזער קען מען זיין ראדיקאל אויף זיין חשבון, קען מען
קעגען איהם גאנץ שארף ארויסטרעטען און זיך פארשא־
פען א שטעלע אין בערלינער „פאָרווערטס".

איך דערמאָן זיך: ווען איך בין געווען בלויז זעכ־
צעהן יאָהר אלט, האָב איך זיך אָנגעלעזען מיט רעוואָלו־
ציאָנערער ליטעראטור און זיך פאראייניגט נאָך מיט עט־
ליכע אינגלעך און מיר האָבען באשלאָסען צו רואינירען
גאנץ עסטרייך־אונגארן. שפּעטער מיט עטליכע וואָכען
האָט הערשעלע (א אינגעל מיט א ווייך הארץ) אָפּגעבע־
טען זיך, אז מיר זאָלען נישט טשעפּען אונגארן און מיר
האָבען איהם צוליב געטון. מיר זענען נאָך געגאנגען
ווייטער: מיר האָבען איהם אפילו געשאנקען אָסט־

איז אין די לעצטע פּאָר מינוטען געשטיגען אויף 50 פּראָ־צענט, און וואָס קימערט מיך וואָס קוילען איז אזוי טייער און לונגענאָנצינדונג אזוי ביליג?

מיין קייזער, מיין קייזער איז טויט!

איך ווייס נישט וואָס פאר א באדייטונג זיין קייזער־קעניגליכער טויט וועט האָבען אויף דעם גאנג פון דער מלחמה. עס קאן זיין, אז צוליעב אָט דער פּאסירונג וועט די פיין־געבויטע, גוט־ענטוויקעלטע מלחמה מוזען אָנגע־מען נייע פארמען און דאָס איז א שאָד, ווייל מ׳האָט זיך שוין אזוי צוגעוואוינט צו איהר!

אָבער אויף מיר אליין האָט דער טויט פון מיין פּער־זענליכען קייזער א טיפע ווירקונג. צוליב איהם און זיין ענדליכען טויט, וועל איך היינט, מיטוואָך ביינאַכט, נישט שלאָפען עטליכע שעה נאכאנאנד. איך וועל שרייבען א פעליעטאָן וועגען דעם וואס —

מיין קייזער, מיין קייזער איז געשטאָרבען!

ס׳איז מאָדנע: דאכט זיך אונזערע באציהונגען איינס צו ס׳אנדערע זענען נישט געווען קיין זעהר אינטימע (די לעצטע צייט האָט ער זיך אין גאַנצען אויפגעהערט דורכצושרייבען מיט מיר) און דאָס איינציגע מאָל וואָס ער איז געקומען צו אונז אויף באזוך איז געווען אין יאָהר 1902. דעמאָלט איז ער אויך נישט געקומען אליין. עס האָט איהם נישט געפּאסט. ער האָט געשיקט זיינס א מענש ער זאָל ביי מיין טאטען צונעמען א פּאָר קישענס און עט־ליכע לייכטער פאר פּאָדאטקעס. אין יענעם מאָמענט האָב איך געטראכט, אז ער איז נישט קיין פיינער קייזער און אז ער האָט נישט באדארפט טשעפּען מיינע עלטערען. וואָרים א י ך האָב דאָך געוואוסט דעם אמת, אז דאָס נישט צאָהלען פון די פּאָדאטקעס איז נישט געווען צוליב שלעכטקייט מצד מיין טאטע־מאמע.

מיר האָבען דעמאָלט פשוט נישט געקענט באצאָה־לען, אָבער דעם קייזער׳ס מענש האָט עס נישט געארט. ער האָט צוגענומען די עטליכע קישעלעך מיט דעם הענג־

# מיין קייזער, מיין קייזער געשטאָרבען

(געשריבען ווען ס'איז געקומען די ידיעה,
אַז פראַנץ יאָזעף איז געשטאָרבען.)

**ער איז** טויט מיין קייזער. בשעת איך שרייב די דאָזיגע צייל‏ען פארזיכערט מען מיר פון בערלין, אז ער איז פולשטענדיג טויט פון לונגענאנצינדונג.

ווייס איך נישט: אפשר וועט ער נאָך צוריק לעבעדיג ווערען, ווי זיין שטייגער איז זינט די לעצטע פאָר יאָהר. אלט און אָפּגעשוואכט איז ער פון טראָגען די שווערע האבסבורגער קרוין, איז דער טויט ביי איהם א שפּיעלכעל, א גאָרנישט.

וואָס מאכט ביי איהם אויס א שטארב צו טון, ביי מיין אלטען גוטמוטיגען קייזער?

זיין איך אין א קאפע־שטיבעל. ס'איז דריי א זייגער פארטאג. לייען די נייעס וועגען זיין אפּשטארבען און קוועטש מיט די פּלייצעס, ווער ווייסט? אפשר איז ער נישט טויט? קיין זאך איז דאָך נישט זיכער היינטיגע צייטען, און אפילו בערלין קען אויך האָבען א טעות.

דערהווייל אָבער איז מיין קייזער, מיין קייזער געשטאָרבען!

און איז מיין קייזער טויט, דאן וואס ארט מיך, ווי זאָגט היינע, מיין ווייב, מיין קינד, מיינע עלטערען? וואָס נעהמט מיך אָן, וואָס דער פּרייז אויף לעבענסמיטלען

דאָס הייסט: געלט האָט ער, און כבוד האָט ער אויך, און געראָטענע קינדער אויך, נאָר וואָס־זשע דען? — עס מאַנגעלט איהם אביסעל אין טעג! די פופציג יאָהריגע רייזע, וואָס ער האָט דורכגעמאכט דורך דער וועלט, האָבען איהם צעבראָכען די חלומות־פליג־לען, זיי האָבען איהם רואינירט די גרעסטע טייל פון זיין לעבען, און איצט געהט ער נעביך ארום א דערשלאָ־גענער, אייער ברודער.

אז איך האָב איהם געפרעגט ווי עס געהט איהם, האָט ער מיך אוועקגערופען אין א ווינקעל און מיר פארטרויט:

גאנצע פופציג יאָהר האָב איך אריינגעלייגט אין לע־בען, אלץ געזאמעלט און געזאמעלט מיינע טעג, געשפּאָרט א שעה צו א שעה, א מינוט צו א מינוט, א רגע צו א רגע און עס באהאלטען אין דער אייביגקייט־באנק, און איצט בין איך געוואָהר געוואָרען, אז די באנק האָט אָנגעזעצט — מ'גיט נישט צוריק אפילו קיין האלבע רגע און איך בין רואינירט!

אין אייער ברודער'ס אויג האָט געפינקעלט א טרער — א טרער אויף דעם קבר פון זיינע געשטאָרבענע יאָה־רען, וועלכע ער שלעפּט ארום אויף זיינע געבויגענע אקסלען.

ווי די צייט האָט איהם נעביך איבערגעפיהרט, אייער ברודער, געמאכט פון איהם א תל.

דאָס לעבען האָט איהם ארויסגעוואָרפען אין דרויסען, איהם ארויסגעשטעלט אויף יענער זייט האָפנונג אין אזא בימערער קעלט, און ער האָט אפילו נישט קיין ווארעם שטיקעל גלויבען מיט וואס זיך איינצוהילען.

און אין דרויסען איז אזוי קאַלט, אזוי טונקעל, און די זון האלט שוין בום אונטערגעהן.

א רחמנות נעביך אויף אייער ברודער — ער לאָזט אייך גריסען!...

האָט אפילו נישט געקאָנט דערקאָנען אז דער פּרינץ־אל־בערט איז גענומען געוואָרען אויף אויסצוצאָהלען, און אז דער צילינדער איז געבאָרגט, און די ווייסע האנדשיך שמעקען מיט גאזאָלין, מיט וועלכען מען האָט זיי ערשט אויסגעריבען?

און אייער ברודער׳ס כלה, געדענקט איהר?

ווי אונבאשרענקט זי איז געזעסען אויף איהר ווייבען טראָן, מיט דעם ווייסען שלייער אויפ׳ן קאָפּ, ארומגע־רינגעלט מיט איהרע הויף־דאמען, — מיט די קראנצען־פרייליינס, וועלכע זענען געשטאנען גרייט צו דערפילען דעם קלענסטען וואונש פון זייער קעניגען?

און געדענקט איהר ווי אונפארשעהמט־יונג אייער ברודער איז דעמאָלט געווען, און ווי מונטער און ווי זי־כער אז דאָס לעבען מוז איהם אנטקעגען טראָגען ס׳גליק אויף א גאָלדענער טאַץ?

און איהר אליין? איהר אליין זענט אויך געווען זיכער, אז אייער ברודער וועט זיך ארויפארבייטען, און וועט ווערען רייך און באריהמט, און די גאנצע וועלט וועט נאָך מיט איהם קלינגען.

און איהר האָט געגלויבט אז עס געהט איהם ערשט צום לעבען, און דאָס מזל וועט איהם ערשט אָנ־הויבען צו שפּיעלען אזוי לייטיש. און אין פופציג יאָהר ארום וועט ער שוין זיין העט־העט אויף דער לייטער.

די פופציג יאָהר זענען אוועק, הויכגעשעצטער לעזער מיינער, און איך האָב נעכטען געטראָפען אייער ברודער.

ער לאָזט אייך גריסען.

ער איז דערזעלבער אברהם (אָדער בעני, אָדער נע־ציל, אָדער דוד, אָדער הענרי, אָדער חיים, אָדער טוביה, אָדער יוסף א. ז. וו.) וואָס געווען — נאָר א היבש ביסעל פארעלטערט און דערשלאָגען, און אָפּגעמאטערט פון די פופציג יאָהר לעבען. און די האָר זיינען ביי איהם גרויליך, און די אויגען מאט, און דער רוקען איינגעבויגען.

ער איז נישט קיין סוקסעס, אייער ברודער!

## אַ גרוס פון אייער ברודער

איך האָב נעכטען געזעהן אייער ברודער.
ער זעהט נעביך אויס זעהר ביטער.
וואָס איז דער מעהר? — פרעגט איהר.
קראַנקהייטען.
די היצען.
די שווערע צייטען.
דאָס פּנים איז ביי איהם געל, אָפּגעצויגען. די אויגען פארפינסטערט, דער רוקען איינגעבויגען.
איהר וואָלט איהם נישט דערקאָנט. גאָרנישט דער־זעלבער אברהם (אָדער בעני, אָדער נעציל, אָדער דוד, אָדער העניו, אָדער וואָלף, אָדער זלמן, אָדער חיים, אָדער טוביה, אָדער יוסף, א. ז. וו.) וואָס געוועזן!
אַך, ווי ער האָט זיך איבערגעביטען אין די לעצטע פופציג יאָהר!
איהר געדענקט מיט פופציג יאָהר צוריק, ווען אייער ברודער איז ערשט געהאט א חתן־געוואָרען פאר אסתר'ן?
איהר געדענקט ווי ער פלעגט געהן מיט אן ארויס־געשטעלטער ברוסט, מיט איינגע'עקש'ן'טע פּלייצעס, מיט פעסטע טריט, — די ערד האָט אונטער איהם געציטערט.
איהר געדענקט ווי שעהן ער איז געווען אין דעם טאָג פון דער חתונה — ווי אזוי ער איז געזעסען אויבען־אָן, מיט'ן שעהנעם צילינדער אויפ'ן קאָפּ, אָנגעטון אין א שווארצען פרינץ־אלבערט, אין די ווייסע האנדשיך און ער האָט אויסגעזעהען ווי אן אמת'ער מאָנארך? — קיינער

זי איז א ו י ך מעהר נישט צוריקגעקומען.

נאנגלאמארין, גאנגלאמארין! אויב דו לעבסט ער־נעץ, רוף זיך אפּ! דיין פאָטער בענקט נאָך דיר — ער געהט אוים.

שטעלונג פון שעהנע שפראך־קינדער. דאָרט וועט עס זי־
כער באקומען דעם ערשטען פּרייז, ווייל וואָס קען
זיין שעהנער ווי גאנגלא און אזוי ווייטער?

די נאכט איז געוועז שטיל. די שטערען האָבען איינ־
געהאַלטען זייער אָטעם (אויב שטערען אָטמען!). די
לבנה האָט זיך געבאָדען אין צעשמאָלצענעם פראָסט און
געלאכט. די גאנצע נאטור — מאכט ער צו מיר —
האָט ארויסגעקוקט אויף דער גרויסער פאסירונג. און איך,
(מיט א פראגע צייכען) איך האָב אָנגענומען מיין קליין,
הילפלאָז גאנגלאמארינדעל ביי דער האנט און עס ארויס־
געשיקט אין דער גרויסער וועלט פון ווערטער, איהם נע־
וואונשען גליק און געוויינט, וואָס איך דארף מיך צע־
שיידען מיט דעם יונגסטען זוהן פון מיין געדאנק.

אין געדאנק האָב איך שוין געהערט ווי עס קלאפּען
די פּויקען, עס פּייפען די קלארנעטען, עס זינגען די
פידלען, עס טאנצען אלע יונגפרויען פון אונזער רע־
דאקציע, מע פייערט די געבורט פון מיין שעהנעם, מיין
געטרייעם, מיין מיסטישען, מיין האלב שטומען, מיין
אומשולדיגען, זעהר־מוזיקאלישען גאנגלאמארין.

אָבער:

עס זענען אוועק טעג און וואָכען און חדשים און מיין
גאנגלאמארין איז נישט צוריקגעקומען. איך האָב גע־
פרעגט ביי דעם וועכטער וואָס באוואכט אונזער מאָר־
גענבלאט: וואו איז מיין גאנגלאמארין? און ער האָט
מיר געענטפערט:

איך האָב עס באגעגענט אינ׳ם געפלאָכטענעם קעס־
טעל פון דער רעדאקציע — א געשטאָרבענס, נעביך!

ערשט דעמאָלט האָב איך פארשטאנען, אז מיין גאנ־
גלאמארין איז טויט, און אז ער האָט נעביך געהאט דאָס־
זעלבע מזל וואָס זיין אינגערע שוועסטער סקפּא
וועלכע איך האָב מיט דריי וואָכען צוריק ארויסגעשיקט
באליידיגען דעם סענטימענטאלען קוואטש פאר אידענעם.

אָפּטמאָל ביינאַכט פלעג איך מיך אויפכאַפּען פונ׳ם שלאָף מיט שרעק: עס האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט, אז עמיצער האָט ביי מיר צוגע׳גנב׳עט דאָס שעהנע וואָרט וואָס איז מיר געוואָרען איינגעבאַקען אין האַרץ ווי א געליעבטע.

נאַנגלאַמארין.

עס איז געוואָרען הערבסט. עס איז געוואָרען ווינ־טער. ווינטען האָבען געריסען די בערג. פרעסט האָבען מיט זייערע שאַרפע ציין צעביסען דעם הימעל און איהם אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד אין קליינע, ווייסע שטיק־לעך. עס איז געוואָרען קאַלט און אומעטיג. אַלע אַנדערע זומערווערטער האָבען זיך אויפגעהויבען פון מיין קאַלטער ווינטער־נשמה און אַוועקגעפלויגען אין וואַרימע לענדער אַריין. אָבער נאַנגלאַמארין איז געבליבען מ י ט מ י ר.

אומעטום אין מיר האָט געבליהט — נאַנגלאַמארין. מיינע נערווען זענען געווען ליכטיג — מיט נאַנגלאַמארין, די ביטערניש פון מיין האַרץ איז געוואָרען זיס — מיט נאַנגלאַמארין. איך האָב געפיהלט: די נאַנגלאַמאריני־רונג געהט אָן זעהר שנעל, און זי ווערט אַלע מאָל שווע־רער, צ י י ט י ג ע ר, זאַפטיגער, און עס איז שוין די העכסטע צייט אָפּצורייסען די פרוכט פונ׳ם בוים.

איך האָב אַרונטערגעבויגען מיין שפּראַכבוים, האָב א שאָקעל געטהון די ווערטער־צווייג און די שענסטע פרוכט, די ר ו י ט ס ט ע פרוכט, איז אַרונטערגעפאַלען אויף א שטיק ווייס פּאַפּיער.

עס איז געווען: נאַנגלאַמארין.

און אז איך האָב געזעהן מיט׳ן אויג ווי וואונדערליך־שעהן עס איז מיין נאַנגלאַמארין, און אז איך האָב דער־הערט מיט׳ן אויער, ווי שעהן דאָס קלינגט — האָט מיין האַרץ א ציטער געטהון פון פרייד און איך האָב גע־טראַכט:

איך וועל נעמען מיין יונג (און אונפאַראַנטוואָרטליך) נאַנגלאַמארינרעל, און עס אַוועקשיקען אויף דער אויס־

## דאָס פאַרלוירען וואָרט

איך האָב ארויסגעשיקט א וואָרט אין דער אונענדלי־כער צייט אריין און — עס איז נישט צוריקגעקומען.

א גאָט'ס רחמנות!

דאָס דאָזיגע וואָרט האָב איך געפלאַנצט אין גאָרטען פון מיין נשמה, עס בארעגענט מיט טרערען, באזונ'ט מיט הארצפייער.

איך האָב געמיינט, אז עס וועט אויפוואקסען א וואונ־דערבאר וואָרט־פרוכט, און איך וועל עס שיקען אויף דער אויסשטעלונג פון שפראך־פּראָדוקטען און — קרינען דעם ערשטען פרייז.

און א גאָלדענעם מעדאל.

דאָס נעמליכע וואָרט איז נעוואקסען ווי א שעהנע בלום, זיך ענטוויקעלט — און געוואָרען שווערער און זאפטיגער פון טאָג צו טאָג.

עס האָט אזש ארונטערגעוואזשעט דעם צווייג פון מיין שפראכבוים. דאָס וואָרט איז געווען, ווי א רויטע אויסלענדישע מארעל צווישען א ים פון גרינע קארשען.

דאָס וואָרט איז געווען: גאנגלאמארין.

א זעלטען וואָרט!

א וואָרט פון דער פרעמד. א וואָרט וואָס איז געווען איינגעהילט אין א געהיימניש. א וואָרט וואָס ווייסט נישט וואָס ס'וויל, און קיינער פארשטעהט עס נישט.

א סימפּאטיש וואָרט.

ווייל יעדע זאך איז בלויז ווערט אזוי פיעל ווי זי קאָסט — אין ארבייט אָדער אין טרערען.

לעבט נישט צו שנעל, אוים מורא אז דאָס לעבען וועט באלד פאָראיבער און עס וועט זיין צו שפּעט.

אויף דער וועיטסטער זייט פון מזרח איז מערב. אויף דער ווייסטער זייט פונ'ם גליק איז דאָס אומגליק.

טרינקט נישט אייער לעבען, ווי נארישע שכורים. כליאָבעט נישט אייערע שעה'ען אָהן אפּעטיט, אָהן דאָרשט. טרינקט זיי לאנגזאם און געשמאק ווי בלייכע אריסטאָקראטען.

לעבט נישט קיין אָוועקטײם, מיינע פריינט! לעבט „רעגעלע שטונדען", און אז איהר ווערט מיעד פון לעבען, זעצט זיך אוועק א ווײלע און רוהט זיך אָפּ.

עס ברענט נישט!

זייט נישט ווי יענער גוי, וואָס האָט זיך געאיילט צו ענדיגען פארבען דעם פלויט, איידער עס געהט אוים די פארב.

לעבט לאנגזאם, מיינע פריינט. ראנגעלט זיך נישט מיט די מינוטען, און פארשווענדט נישט אייער כח אויף זיי.

ליגט רוהיג אויף אייער קאנאפּע, רויכערט א ציגאר, שמייכעלט, און קוקט־צו ווי זיי (די מינוטען) פידלען אייך איבער'ן האלז מיט א שארפען חלף.

דער קלוגער טרינקער ווייסט, אז די דאָרשט אליין איז אפשר פונקט אזוי טייער ווי דער טייערסטער געטראַנק.

און דעם בעסטען טראָפּען וויין טרינקען זיי קיינמאָל נישט אויס, — ווילען איהם קיינמאָל נישט אויסטרינקען. זיי לעגען עס אָפּ אויף שפּעטער.

אלע בעסטע וויינען ווערען געטרונקען שפּעטער, אלע גליקליכסטע מאָמענטען ווערען געלעבט מאָרגען.

נישט אינ׳ם טרינקען אליין ליגט די פרייד, נאָר אין דעם געדאַנק, אז ערגעץ־וואו אין א טונקעלען קעלער, אין אן אלטען פאס, ארומגעהילט מיט שפּינ־וועבס, יעהרט און שוימט דאָס בעסטע וואָס דאָס לעבען פארמאָגט.

און איהר קאָנט דערפון ווערען אזוי זיס־שיכור. אזוי פיבערדיג־פאר׳חלום׳ט.

דאָס לעבען אליין איז אפשר נישט פיעל, אָבער דאָס צוגרייטען זיך צום לעבען, דער רייכער, בלומענ־געדעקטער טיש, אויף וועלכען דאָס לעבען ווערט סערווירט אויף לעדינע טעלער, אָט־דאָס איז אלצדינג וואָס מיר פארמאָגען.

לעבט לאנגזאם, מיינע פריינט!

מיה זיך נישט אָפּ צופיעל אינ׳ם געיעג נאָך גליק, ווייל דאָס גליק איז אן איבערגעשראָקענער הירש — וואָס מעהר מען לויפט איהם נאָך, אלץ פלינקער אנטלויפט עס.

פארשווענדט נישט אייער צייט אויף צו דער־הרג׳ענען אייער אומשולדיגע צייט.

— גיסט נישט אין זיך דאָס גליק מיט פולע צעבערס — עס איז נישט געשמאַק.

געניסט עס פון קליינע גאָלדענע לעפּעלעך — עס איז בעסער און אנשטענדיגער.

פארשווענדט א סך מיה אויף אייער לעבען, ליעבע פריינט, וועט עס ביי אייך א סך די ווערט האָבען.

# סטאָפּ

איך קאָן מענשען וואָס איילען זיך צו לעבען — זיי לעבען מיט א שנעלקייט פון פופציג מייל א מינוט.

זיי לעבען מיט עקספרעס־צוג, אזוי צו זאָגען.

שטעלט איהר זיי אָפּ און זאָגט: מיין ליעבע דאמע, מיין ווערטער הער, וואָס איז אזוי די איילעניש אויף אייך? וואָס ברענט איהר אייער גראָשענדיגע נשמה, פון ביידע זייטען?

ענטפערען זיי אייך: מיר איילען זיך צו לעבען, ווייל דער טויט שטעהט הינטער אונזערע פּלייצעס. מיר ווילען לעבען שנעל, שנעל, שנעל, איידער דער אָטעם געהט אוים — איידער עס ווערט צו שפּעט.

באטראכט'ס די מענשען וואָס איילען זיך אזוי שטארק צו אָטעמען, אז זיי האָבען נישט קיין צייט צו כאפּען דעם אָטעם.

זיי פארשווענדען אזוי פיעל אויף נאָכיאָגען דעם גליק, און אזוי ווייניג צייט אויף צו בלייבען שטעהן ביים גליק, ווען זיי האָבען עס געפונען.

זיי לעבען שנעל.

און דאָס שנעלע לעבען איז ווי דאָס שנעלע טרינקען: דאָרשטיגע נאראָנים זשליאָקען זייער בעכער מיט קיהלען וויין און פיהלען נישט קיין טעם דארין.

קלוגע טרינקער טרינקען זייער וויין לאנגזאם, געלאסען און זיי האָבען הנאה פונ'ם טרינקען נישט ווייניגער ווי פונ'ם וויין.

די וויסענשאַפט שאַפט נישט און ווייסט נישט.
די אונוויסענשאַפט ווייסט און שאַפט.

גיט אייערע קינדער אַ גוטע אונערציהונג, מיינע הערען!

שיקט זיי אין דער גרעסטער אוניווערזיטעט וואָס די וועלט פאַרמאָגט — אין דרויסען אַרוים. ווייזט זיי ס'גרעסטע, וויכטיגסטע, בלוטיגסטע בוך וואָס די וועלט פאַרמאָגט — די ערד. לייענט זיי די העכסטע ליעדער וואָס דאָס לעבען פאַרמאָגט — די אויפשריפטען אויף אַלטע מצבות, און אַז זיי וועלען האָבען דורכגעגאַנגען דעם דאָזיגען קורס, וועט דער גרויסער פּראָפעסאָר טויטיקוס, זיי אַרויסגעבען אַ דיפּלאָם, אַז זיי האָבען גע־ענדיגט.

לערענט אייערע קינדער צו זיין אונגעלערענט, איינ־פאַך, ברייטהאַרציג, נאַאיוו, אונוויסענד,

גיט אייערע זיהן און טעכטער אַ רייכע אונערציהונג אויף אַלע געביטען פון לעבען־און־שטאַרבען, וועלכע זע־נען בלויז איינע אין צאָהל.

איהר און אייערע קינדער (און איך און מיינע קינדער) וועלען נאָך דאַרפען אַ היבש ביסעל פאַרגעסען פון דעם וואָס מיר (און איהר) ווייסען, כדי צו זיין אינטעלי־גענטע מענשען.

אויף לעקציעס, זי פארשטעהט נישט קיין לאטיין, — פונדעסטוועגען איז זי זעהר פאָפּולער.

דער ים געהט נישט אין שול אריין, די נאכטיגאל געהט נישט אין גימנאזיע, די ביהן געהט נישט אין אוני־ווערזיטעט, פונדעסטוועגען קאָן דער מענש נישט רוישען ווי דער ים, נישט זינגען ווי די נאכטיגאל, נישט געבען קיין האָניג ווי די ביהן.

דאָס פייער קאָן נישט קיין קאלקולוס, לייענט נישט בערגסאָנ׳ען, האָט קיינמאָל נישט געהערט יאָסעלע ראָ־זענבלאָט, — פונדעסטוועגען ברענט עס, ווי די שטארקסטע ליעבע פון דעם שטארקסטען פראָפעסאר.

דער בליץ קאָן נישט שרייבען קיין קריטיקען, פונ־דעסטוועגען איז ער שארפער ווי היינע.

די נאכט קאָן נישט שאפען קיין גראמען, פונדעסט־ווענען איז זי נישט וועניגער ליריש ווי יהואש, אָדער מארים ראָזענפעלד.

שיקט אייערע קינדער אין חדר אריין צו דער מאדאם אונוויסענהייט!

די וויסענשאפט וויים אזוי ווענינ, און דאָס ווענינע וואָס זי וויים איז אזוי אָרים־זעליג, אזוי נישט־גליק־ברענ־גענד, אזוי שלעכט.

די אונוויסענהייט ווייסט — דאָסזעלבע, נאָר מיט א פייף פון די ליפען. מיט א געלעכטער אין די אויגען, מיט א ליכטיגקייט אין הארץ.

די וויסענשאפט איז א בלאסע, קראנקליכע, שטוב־זיצערישע מאדאם, וואָס ווייזט אָן אז דאָס גליק געפינט זיך אויף זייטע 348 פון יענעם און יענעם בוך.

די אונוויסענהייט איז א יונג און לוסטיג מיידעל, וואָס טראָגט דאָס גליק, אין זיך, און זי דארף נישט אָנ־קומען צו קיין פארשימעלטע ביכער.

די וויסענשאפט איז די פארשטויבטע, אומעטיגע ביבליאָטעק, די אונוויסענשאפט איז די שעהנע יונגע ביבליאָטעקערין.

# אונערציהונג

גיט אייערע קינדער א גוטע אונערציהונג.
גיט אייערע קינדער — אן אונבילדונג.

שיקט זיי אין דער שול פון אונוויסענהייט, זי איז א וואונדערבארע שול, זי קאָסט נישט טייער, זי איז נישט שעדליך צום געזונט.

אין דער שול פון א גוטער אונערציהונג איז פאראן אזוי פיעל געטרייע לערער — דער הימעל, די ערד, די שטערען, די בוימער, די לעמאלעך, די ציגען, די קאָסטימער־פעדלער.

דער הימעל, מיינע פריינט, איז א גרויס, אָפען בוך, די שטערען זענען פּונקטומס, די לבנה איז אן איינגערינגעלטע באמערקונג, און ווער עס האָט אויגען לייענט און ווערט — אונערצויגען און פריי און קלוג.

גיט אייערע קינדער א גוטע אונערציהונג.

הויבט אָן די אונערציהונג מיט אייער קינד'ס עלטערען, זעהט אז זיי זאָלען זיין נישט אויסגעשולט, נישט אויסגעבלייכט, נישט אונטערגעהויקערט, נישט פארקרומט.

זייט גלייכע און נישט־ערצויגענע מענשען! די נאַטור־הייט איז נישט ערצויגען — זי איז קיינמאָל נישט געגאנגען אין חדר אריין — פונדעסטוועגען מאַכט זי גוטע געשעפטען.

די נאַטור איז נישט ערצויגען. זי ראזירט זיך נישט דעם קארק, זי טראָגט נישט קיין ברילען, זי געהט נישט

טראגעדיען ריהרען מיך נישט — איך האָב זיי שוין געזעהען אזוי אָפט. קאָמעדיען זענען אזוי באַנאַל און אויסגערעכענט אויף ערפאָלג. פּרויען — האָב איך שוין צופיעל דערקענט פון דער נאָהענט. קונסט — איז מיר א שעהן וואָרט, וואָס איך געברויך אין געזעלשאפט פון דאמען און יונגע דיכטער. וויסענשאפט — האָט זיך מיר שוין איינגעגעסען אין די ביינער ווי רומאטעס. און איהר אליין? — דאַרף איך אייך זאָגען, ווערטער לעזער, אז... אז איך האלט אייך פאר גאנץ ליעבע אייזלען, וועל־כע לאָזען זיך קיצלען אונטער׳ן ווײדעלע און מאכען כא־כא־כא!

איך בין דאָך אזוי שלעפעריג!

אמאָל האָב איך געגרייזט, זיך ארומגעשלעפט ווי א ציגיינער און זיך געלאנגווייליגט אין פארשידענע וועלט־טיילען. אזוי האָב איך צומבייששפיעל זיך גענודיעט אין בערלין, געשטאָרבען פון לאנגווייל אין לאָנדאָן, זיך ארומגעדרעהט א שלעפעריגער אין ציריך, געגעניצט אין דער זשמעניע אריין אין רוים, זיך געבלאָנקעט ווי אין חלום אין וויען און שיער אויסגעגאנגען פון איינזאמקייט צווישען די נישט־אויסגעשלאָפענע פאריזער מיידלעך.

איך בין אלזאָ, ווי איהר זעהט דאָ פון מיינע בארימע־רייען, א גאנץ באלעזענער און באפאָהרענער מענש — אזוי צו זאָגען — נאָר א שלעפעריגער.

גליק, ליעבע, מענשליכקייט, ציוויליזאציע — עך! כ׳האָב דאָס שוין אָפט געהערט. די אויערען־פּויקען טוען מיר שוין וועה פון זייער אַלטמאָדישען קלאנג.

„און ערגעץ — זאָגסטו יששכר — זינגט די נאכטי־גאַל.“

הייס איהר סטאפּען, יששכר, איך בין אזוי שלע־פעריג.

איך האָב אמאָל געמאכט א רייזע איבער דער שווייץ, געקלעטערט צום שפּיץ פון זעהר א הויכען בארג און דאָרט העט אויבען האָב איך זיך אוועקגעשטעלט און גע־טאָן א גרויסען געניץ געגען הימעל, פון וועלכען גאָט האָט זיך דערשראָקען און גענומען טראסקען מיט זיינע דונערען.

איך מוז מודה זיין, אז בעת דער דונער האָט מיר גע־כאַקט אין אויער און דער בליץ איז מיר געקראָכען אין אויג, — האָב איך מיך געפיהלט אביסעל אמוזירט. אָבער קוים בין איך ארונטערגעקומען אויף דער פלאך, האָב איך זיך ווידער גוט אויסגעגעניצט און זיך געלאנגווייליגט ווי א גראף.

איך בין אלע מאָל געווען א פארשלאָפענער מענש, פריינד יששכר!

איך געדענק, אז בעת איך האָב זיך אמאָל געליעבט אין א דאמע (נישט קיין מיידעל), פלעג איך אין מיטען ערקלערען זיך אין ליעבע פארוואָרפען מיט'ן קאָפּ און אנ־שלאָפען ווערען ווי א היהנדעלע. און אז איך האָב זיך אויפגעכאפּט, האָב איך געזאָגט צו איהר:

—מאדאם! אָהן אייך קען איך נישט לעבען א מי־נוט! — און בין ווייטער אנשלאָפען געוואָרען, אויף דער הוילער באנק, וואָס פלעגט געוועהנליך שטעהן אין פארק.

ערקלערונג: איך בין שוין מיעד פון מיינע אייגענע וויצען, מיין אייגענע געזעלשאפט אינטערעסירט מיך נישט מעהר, מיינע אייגענע חכמות דערקוויקען מעהר נישט מיין גומען.

עס שלעפערט מיך, ברידער ארבייטאָרער!

איך זעה: עס שיינט א ליכטיגע זון. עס גרינען בוימער. עס זינגען פויגעל. עס שטינקען די אויטאָמאָ־בילען — און מיר איז דאָס גאנץ גלייכגילטיג. איך בין שלעפעריג. איך וויל זיך גוט אויסשלאָפען, אויסרוהען און — ווייטער זיך לעגען שלאָפען.

דען וואָס קען מיך אין אייער וועלט אינטערעסירען?

# איך בין שלעפעריג

(אַ ווידוי)

איך רוף דאָס ווידוי דערפאַר, ווייל איך וויל איבער־שרעקען מיין חבר ד., ווען איך בין שולדיג עטליכע דאָלאַר. איך וויל ביי איהם אַרויסנעמען די כהות. אָט, לאָז ער מיינען, דער הונט, אַז איך געה שוין שטאַרבען.

און דאָס זאָגענדיג, ווער איך שרעקליך שלעפעריג און פיהל ווי זיך אַוועקצולעגען און כאַפּען אַ לאַנגען־לאַנגען דרימעל.

אָה, איך בין אַזוי שלעפעריג, מיינע פריינט!

ס'איז פריהלינג אין שטעטעל. דיכטער שטעלען אָן די שרייבפעדערען צו באַזינגען די נאַטור. פּעליעטאָניס־טען מעסטען זיך אָן די אַלטע זומער קאַפּעליושען. די ראָמאַנען־שרייבער טראַכטען פון אָפּשערען זיך מיט אַ נומער איינס מאַשינדעל. און איך בין אַזוי שלעפעריג, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.

אַך, ווי שלעפעריג איך בין!

איך האָב ערשט איבערגעלעזען עטליכע שווערע בי־כער וועגען דעם וועלט־תכלית, וועגען דער מלחמה און וועגען געשעענדעטע פרויען, און איך האָב זיך אויסגע־גענוצט און אויסגעצויגען די ביינער.

פוי, ווי לאַנגווייליג דאָס לעבען איז!

איך גענעצק:

קיין בלוט. איך בין מעלאנכאָליש. איך בין פארבענקט, איך בין רעליגיעז, איך האָב ליעב מיין שכן ווי זיך זעלבסט און אז מ'גיט מיר א פּאטש אויף **איין** באַק שטעל איך אויף די **צווייטע**. איך בין **א איד!**

שלאָפען און ער הוסט — א ביטער רחמנות! און זעהסטו שוין, זאָג איך, אז מיט גוטען קאָן מען אלץ אויספיהרען? איך האָב געמיינט אז דו וועסט מיר געוויס געבען א מע־דאל פאר מיין העלדישקייט, וואָס איך האָב נישט דער־הרג׳עט קיין מענשען. אָנשטאָט דעם, האָסטו זיך גענומען בייזערען, אז איך אליין האָב נישט געהאט קיין רעכט צו שליסען פריעדען, איך האָב באדארפט שיסען. און אז איך האָב דיר געוואָלט ערקלערען, אז שיסען האָב איך לכל הדעות נישט געקאָנט, ווייל דער שונא האָט נאָכגעגעבען אלע פאָדערונגען וואָס איך האָב איהם גע־שטעלט, האָסטו געגעבען א קלאָפּ מיט דער טיר און ביזט אנטלאָפען.

פרעג איך דיך, ליעבער אָנקעל, וואָס זאָל איך איצט טון? איך האָב דיך דאָך אזוי ליעב, און איך האָב פאר דיר געטון אלצדינג וואָס איז נאָר מעגליך געווען. אָבער וואָס זאָל איך טון, אז איך קאָן פאָרט נישט זעהן קיין בלוט? אז איך חלש, ווען איך באמערק, אז אימיצער גיט זיך א שניט אין פינגער? אפשר בין איך א פייגלינג. אָבער וואָס בין איך שולדיג, אז גאָט האָט מיך באשאפען מיט א פעה־לער און אז איך האָב נישט ס׳הארץ צו הרג׳ענען א מענ־שען — אפילו מיין גרעסטען שונא? אפילו די וואָס האָבען אויף מיר געמאכט פּאָגראָמען?

איך בעט דיך, ליעבער אָנקעל, זיי מיר מוחל. איך וויים אז דו ביזט מיר אָפט ביינעשטאנען אין מינוטען פון מיין נויט. איך וויים, אז דיר האָב איך צו פאר־דאנקען מיין היים, מיין פאמיליע, מיין גליק. ליידענ־שאפטליך האָב איך ליעב דיין פרייען בליק, דיין אָדלעריש רייסען זיך צו דער הויך, דיינע וויים־געשפרייטע פרעי־ריס, דיינע אונענדליכע מעגליכקייטען, אָבער הרג׳ענען א מענשען קאָן איך נישט, אפילו צוליעב דעם גרעסטען אי־דעאל. מיין האנט ריענט מיר נישט דערצו. איך בין גע־בוירען געוואָרען מיט א פעהלער: איך קאָן נישט זעהען

קוקט ער מיך אָן, דער שונא, מיט די פארשלאָפענע אויגען און מאכט צו מיר:

— איכ׳ל אייך זאָגען דעם אמת. פאר אן אנדערען וואָלט איך עס אפשר נישט געטון, אָבער איהר ווייזט מיר אוים צו זיין אן אנשטענדיג מינשיל און איך גיב אייך, זאגט ער, ס׳וואָרט, אז איך וועל מעהר נישט זינקען קיין שיפען מיט מענשען. גאט אייך די האנט דארויף!

— נאט אייך די האנט! — ענטפער איך און גיב איהם א ברייטען שלום עליכם — און לאָז זיין, זאָג איך, אין א מזל׳דיגער שעה. מיר זאָלען, זאָג איך, דערלעבען צו זעהן נאָר גוטס איינם ביי ס׳אנדערע, און איהר ביי מיר.

— אמן! — ענטפערט דער שונא און ווארפט אראָפּ פון זיך דאָס ביקסעל מיט די אלע זאכען — אמן, הלואי. און אפשר, זאָגט ער, האָט איהר ביי זיך א ביסעל בראנפען צו דערקוויקען ס׳הארץ? עס איז א דאנק גאָט, זאָגט ער, וואָס די מלחמה צווישען אונזביידען איז שוין פאָריבער.

— א דאנק גאָט! — זאָג איך, וואָס צווישען אונז ביידען איז די מלחמה שוין געענדיגט. איך האָב באלד געוואוסט, זאָג איך, אז ס׳איז נישט אזוי געפעהר־ליך, ווי מען דערצעהלט, און אז מיט גוטען קאן מען אלצדינג פועל׳ן. לחיים!

—לחיים טובים ולשלום! — מאכט דער שונא און נעמט א טרונק בראָנפען. — אפשר, זאָגט ער, ווילט איהר צעטלען נאָך מיט א פאָר שונאים? זיי זענען נעביך אויך גוט פארשמאכט.

---

א גומעלטען בין איך אהיימגעקומען פון דער מלחמה און איך האָב דיר געזאָגט, אז דו זאָלסט מיר אָפּגעבען א מזל־טוב, ליעבער אָנקעל. ווייל מיט מ י י ן שונא האָב איך שוין אָפּגעמאכט ער זאָל אויפהערען זינקען די שיפען אָט שטעהט ער דאָ נעבען מיר — נעביך נישט אויסגע־

כלומרשט מיט א ביקס און אלצדינג. אָבער אין האַרצען האָב איך דאָך געוואוסט, אז ס'איז נאָר אן אָנשטעל, אויף אָפּצושרעקן דעם שונא. ווייל איך וועל דאָך נישט נעמען און דער'הרג'ענען א מענשען. און יענער — כלומרשט אויך מיט א ביקס און מיט א באַיאָנעט און אלצדינג. ווי קליי־נע קינדער!

קורץ, איך בין אוועק צום שונא און איהם דערצעהלט, אז אזוי און אזוי: ער זאָל אויפהערען זיין א קאַניבאַל, און אויפהערען זינקען שיפען מיט אומשולדיגע מענשען, אז נישט וועט זיך טון חושך.

מישטיינס געזאָגט דער שונא! א בלייכער, א פאַר־מוטשעטער, א קראַנקער, אן אויסגעהונגערטער. א צער בעל־החיים. געה נעם און דער'הרג'ע אזא מענשען! אז יענער איז גאָר שלעפעריג און ער ווייס נישט וואָס סע טוט זיך מיט איהם. נאָר מיט א באַיאָנעטל פּאַטש ער פונדעסטוועגען, און ער וויל מיך דער'הרג'ענען.

קוק איך איהם אן. א דערוואַקסענער מענש, מיט א באָרד און מאַכט זיך נאַריש, ווי א קליין קינד. זאָג איך איהם, אויף זיין לשון: הערט אויף זיך מאַכען נאַריש, וואָס מיינט איהר בין איך? א גזלן? א מערדער? א ווילדער מענש? איסטשעזנעט, זאָג איך, זאָל עס ווע־רען! באַלד, זאָג איך, כאַפּט זיך דאָס צום ביקסעל.

— איהר זענט מיין בלוטיגער שונא! — מאַכט ער.

— געהט א היים און לייגט זיך שלאָפען, זאָג איך. איהר ווייסט נישט וואָס איהר רעדט.

— נו, גוט, זענט א י ה ר דער חכם, מאַכט ער, לאָמיר שוין הערען וואָס איהר ווילט.

— איך וויל, זאָג איך, אז איהר זאָלט אויפהערען זיין א קאַניבאַל, א מענשענפרעסער און אויפהערען זינקען שיפען מיט אומשולדיגע מענשען, אז נישט, זאָג איך, וועל איך אפשר טאַקי שיסען א ו י ך. מ'קען זאָג איך, נאָר־נישט וויסען היינטיגע צייטען.

שטיין־שאַטען פון פרייהייט איך האָב מיין נעסט גע־
בויט, מיין היים.

נאָר — האָב איך צו דיר געשריבען — זאָג מיר
נישט, אז איך מוז הרג'ענען מענשען. ווי קאָן מען דאָס?
באפעהל מיר, אז איך זאָל ארויסגעהן זידלען דעם שונא,
איהם באליידיגען מיט די ערגסטע ווערטער, — כאָטש
איך קאָן איהם נישט פערזענליך. איך וועל דאָס טון,
כאָטש דאָס וועט מיר אָנקומען זעהר שווער. איך וועל
אפילו געהן אזוי ווייט, אז איך וועל איהם אָנשפייען אין
פנים אריין. איהם אָנרופען מערדער. און, אויב נויטיג,
וועל איך איהם צעגראבלען ס'פנים און איהם ווארפען א
צענויפגעדרעהט טישטוך אין קאָפ אריין. און אז ער וועט
פארבייגעהן מיין געוועלביל, וועל איך איהם אָפגיסען
מיט וואסער. זאָל ער וויסען, אז ס'איז מלחמה.

אָבער דו האָסט מיר ווידער געשריבען א קארטעל און
מיר געלאָזען וויסען, אז ס'איז מיין חוב צו געהן אין
מלחמה, שיסען אויף דעם שונא און פארלאנגען, אז ער
זאָל אונז נאָכגעבען אונזערע פאָדערונגען. איך האָב דיר
באלד אוועקגעקלאפט א דעפעשע און דיך געפרעגט:
וואָס דארף איך פאָדערען פון דעם שונא בשעת איך
וועל איהם כאפען? האָסטו געענטפערט: דערווייל ווייס
מען נאָך נישט אקוראט, וואָס מען וויל, איך זאָל דערווייל
גלאט־אזוי דער'הרג'ענען דעם שונא. האָב איך
נישט פארשטאנען וואָס דאָס מיינט. האָב איך דיר ווי־
דער געקלאפט א דעפעשע און געפרעגט וואָס פאר א
תירוץ וועל איך אָנגעבען דעם שונא דערפאר וואָס
איך דער'הרג'ע איהם? האָסטו מיר געענטפערט, אז איך
זאָל זאָגען, אז איך וויל ער זאָל אויפהערען זיין א קאני־
באל, א מענשענפרעסער, און ער זאָל אויפהערען זינקען
שיפען מיט אומשולדיגע מענשען.

האָב איך געטראכט: מילא — מ'איז דאָך נישט
מעהר ווי מענשען — מ'עט שוין ווי עס איז דורכקומע־
צווישען זיך. און איך בין אוועק אויף די שלאכטפעלדע

איז געקומען די מלחמה. האָט מיין שוואך לעבען א ציטער געטון אויף זיין פונדאמענט, און אין די טורעם־פענסטער האָט זיך דאָס ליכט גענומען לעשען. מענשענבלוט? עפּע. ס'איז מיר נישט גוט. עס דרעהט זיך מיר דער קאָפּ, עס בויגען זיך די פּים. איך חלש.

שפּעטער האָב איך דערהאַלטען א קארטעל פון דיר, ליעבער אָנקעל, אין וועלכען דו שרייבסט מיר, אז איך האָב פיינט עטליכע צעהנדליג מיליאָן מענשען פון א געוויסען סאָרט. איז מיר די זאך געוועןן פּריקרע. ווי אזוי קאָן איך פיינט האָבען מענשען וואָס איך קאָן זיי נישט? אז אפילו די מענשען וואָס איך קאָן, און אפילו די וואָס האָבען מיר פּערזענליך שלעכטס געטון, קאָן איך נישט פיינט האָבען. ווייל — ווער בין איך? און וואָס בין איך? א שטויב וואָס פארגעהט, א בלעטעל וואָס ווערט פארטראָגען פון'ם ווינט. א גאָרנישט, מיט־שטיינס געזאָגט. א מענש!

דערנאָכדעם האָב איך פון דיר דערהאַלטען נאָך א קארטעל, אין וועלכען דו שרייבסט מיר, אז מיין שנאה צו יענע מענשען האָט זיך פארשטארקט און אז עס געהט שוין אין בלוט, און אז אין גיכען וועל איך אזוי גוט זיין, און אוועקפּאָהרען הרג'ענען מענשען, זיי דערשטעכען מיט שפּיזען, זיי צערייסען מיט גראנאטען און אזוי ווייטער. האָב איך ווידער א ציטער געטון מיט'ן גאנצען לייב און גע'חלש'ט. מענשענבלוט? עפּע! עס ווערט מיר נישט גוט אז איך טראכט נאָר דערפון. אָבער דו ביזט צוגעשטאנען, אז עס האנדעלט זיך וועגען פארטיידיגען מיין ניי לאנד, און מיין ניי לאנד האָב איך ליעב, שטארק ליעב, ליעב מיט יעדען טראָפּען פון מיין בלוט, מיט יעדען פּולס פון מיין נשמה. האָב איך דיר צוריקגעשריבען א קארטעל, אין וועלכען איך האָב דיר געלאָזט וויסען, אז מילא, פּארפּאלען. אז געהן איז געהן. ווייל ליעב און טייער איז מיר דאָס לאנד אין וועמעס

רען. ווי אמאָל אין מיינע חסידישע יאָהרען, אין דער אלטער היים, האָב איך מיר שטילערהייד געזונגען מיין חסידיש טרייסט־ליעדעל:

און נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, און אי וואי, וואי־וואס,
און נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, און אי וואי, וואי־וואס!..

טיעף אומעטיג איז געווען מיין ליעד. זיך נישט אריינגעפּאסט אין די רויהע גאס־רופען פון אונזער שטאָט. און דער שטיין־און־אייזען אָפּקלאנג פון די בבל־געביידען איז געווען א צינישער, אן אויסלאכענדער. אָבער איך האָב שטיל געזונגען אין זיך.

אָרים איז געווען מיין לעבען. מיהזאם. קליין און שפּאָרעוודיג איז געווען דאָס שטיקעל הימעל וואָס איך האָב אין מיין אויג געטראָגען. פארעלטערטע ווינטען האָבען געקיהלט מיין ליב אין די הייסע נעכט, און געלע זונען ווי שוועבעל, האָבען אריינבאגלייט מיינע טעג אין דעם קליינעם דומפּען געוועלביל. אָבר איך האָב געלעבט און געהאָפּט, און געשפּייזט מיינע קינדער, און געווען געטריי צו מיין ווייב און געבויט מיין אָרים גליק מיט די איינענע הענט, א ציגעל צו א ציגעל, א שטיין צו א שטיין.

יאָהרען זיינען געגאנגען. איך בין געוואָרען נאָך שטילער, נאָך מעלאנכאָלישער, נאָך צוריקגעצויגענער.

דאָס לעבען איז געוואָרען שווערער, די קינדער — גרעסער. מיין ווייב — שוואכער. און איך פלעג מיר נאָך אלץ זינגען מיין אלט ליעד:

און נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, און אי וואי, וואי־וואס,
און נאָך א מאָל און נאָך א מאָל, און אי וואי, וואי־וואס!

דעם גראָהען הימעל האָב איך אלע מיינע תפלות אָפּגעגעבען. דער שטומער ערד — מיין ארבייט. און מיינע חלומות זענען ווי דין־זיידענע מלבושים געהאנגען ארום דער ריעזיגער געטין פון פרייהייט, אין וועמעס שאָטען איך האָב מיין געצעלט אויפגעשלאָגען, מיין היים געבויט.

# אַ בריעף צו מיין אָנקעל

געשריבען אין די טעג פון דער
גרויסער וועלט מלחמה

ליעבער אָנקעל, איך וועל זיך פאר דיר פאָרשטעלען. איך היים זלמן שטיינמאן, איך בין א מענש פון א יאָהר דרייסיג, האָב א פרוי מיט קינדער, און איך דערנעהר זיך פון מיין געוועלבעל. אין אמעריקא בין איך שוין צוועלף יאָהר. איך קום פון פוילען. איך בין אויפגע־צויגען געוואָרען ביי אידיש־חסידישע עלטערען און פון קליינערהייד אָן בין איך געוועזן א באשיידענער, א צוריק־געצויגענער, א רעליגיעזער, און איך בין געוועזן פאר־ליעבט אין לעבען — מיט א זיס־מעלאנכאָלישער ליעב־שאפט.

האָב איך אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא. אונטער דעם שאָטען פון דער ריעזיגער פרייהייטס־געטין האָב איך מיין געצעלט אויפגעשלאָגען, מיין היים געבויט. ביי טאָג האָב איך געארבייט, ביי נאכט האָב איך געלערענט און געטרוימט. דערווייל בין איך געוואָרען עלטער, שוואַ־כער, מיעדער, דערשלאָגענער. האָב חתונה געהאט. גע־עפענט א געוועלביל. געהאט פיער קינדער — זענען צוויי געשטאָרבען. דאָס לעבען האָט גענומען קלאפען זיין איינטאָניג טריק־טראק איבער די ברוק־שטיינער פון מיין ווייטען וועג. אָבער איך בין נישט פארצווייפעלט געוואָ־

פון א קליינער טאַס, האָב איך צו זיך געזאָגט כמעט מיט כעס:

— וואָס פאר א שוואַרץ יאָהר איז דער מעהר מיט די ארבייטער? וואָס טומלען זיי זיך? וואָס מאכען זיי דאַפון אזא וועזען? וואָס איז? זיי ווילען אקוראט צוויי דאָלאר א טאָג? איז ערשטענס: פון וואַנען איז גע־דרונגען, אז די באַסעס קענען באהויפּטען צו געבען צוויי דאָלאר א טאָג? אפשר האָבען זיי נישט? אפשר ווילען זיי נישט? אפשר האָבען זיי נישט קיין צייט דערצו? און צווייטענס: אויב שוין יאָ סטרייקען — ווארום זאָל מען זיי נישט טאָרען שיסען? מה־דאָך — זאָג איך צו זיך און דלאָבע מיר די ציין מיט א טוטפּיק — מה־דאָך, אז אין אייראָפּא שיסט מען טויזענטער לייט, וואָס סטרייקען נ י ש ט, טאָ פארוואָס־זשע זאָל מען נישט טאָרען אויס־שיסען א פּאָר צעהנדליג נארישע ארבייטער, וואָס סטרייקען צוליב לומפּיגע פערציג פענים א טאָג — וואָס דאָס איז נאָר א געלעכטער — איז דאָס נאָר!

און ערשט איצט, ווען איך האָב זיך פארריוכערט דעם גוטען האוואַנאַ־ציגאַר און זיך אוועקגעזעצט אויף דער פיינער זויעג־שטול, האָב איך זיך געגוי ארומגעזעהן, ווי נאריש, ווי קליינליך די ארבייטער זענען. צוליעב לומפּיגע פערציג פענים א טאָג, מאכט מען א וועזען און מען נעהמט סטרייקען און מען שטעלט איין ס'לעבען.

און איך האָב זיך צעלאַכט — ס'גרעסטע געלעכ־טער.

געוואָרען און איך האָב זיך ביי זיך אין געדאַנק אָנגע־רופען חכם, דענקענדער מענש, ראדיקאלער טראכטער און אנדערע שעהנע נעמען.

אז מען האָט דערלאנג צום טיש דאָס פלייש און איך האָב דערזעהן צוויי פליגעלעך פון א הוהן, א זים לעבערעל און דאָס פיינע פּאָלקעלע, וואָס איך האָב ליעב — האָב איך גענומען באטראכטען די זיך אין א גאנץ אנדער ליכט.

איצט נאָגענדיג דאָס ווייכע פליגעלע פון דער הוהן, און צוזופּענדיג מיט דעם גוטען ביסעל וויין, האָב איך מיך ערשט ארומגעזעהן, אז די זאך איז גאָרנישט אזוי שרעקליך, ווי זי איז מיר ערשינען ביי די פיש. און אז מען דארף דעם אנדערען צד אויך געבען א שאנס צו זאָ־גען א וואָרט.

— ווער ווייסט — האָב איך גע'טענה'ט צו זיך און געשמאָקעט דאָס פּאָלקעלע — ווער ווייסט, אפשר זענען די סטרייקערס טאקע שעדליכע מענשען? און ווארום האָב איך ווייטער געטראכט — זאָלען קבצנים איבער־הויפּט ס ט ר י י ק ע ן? ווער פארלאנגט דאָס דען פון זיי? ווען דאָס געזעץ — זאָג איך — זאָל זאָגען איהר מ ו ז ט סטרייקען, נו, מילא מ ו ז מען! קען מען זיך נישט העלפען. אָבער אזוי לאנג ווי דאָס געזעץ ערלויבט דיר צו לעבען אויף א דאָלאר מיט זעכציג סענט א טאָג, און האָט צו דיר נישט קיין טענות — טאָ וואָס־זשע נעמסטו און געהסט ארוים אין סטרייק, צוליעב לומפּיגע פערציג פענים א טאָג? ווירקליך! ס'איז דאך נאָר צום לאכען.

אז מען האָט מיר דערלאנגט דעם אויסגעצייכענטען עפּעל־קאָמפּאָט און א שטיקעל שטרודעל — האָב איך נאָך אמאָל א קוק געטאָן אויף דעם שטיקעל נייעס וועגען די געשאָסענע סטרייקערס פון דעם שטעדטעל רוזוועלט, און זופּענדיג צולעצט דאָס מייערע ביסעל טערקישע קאווע

## פאַראַן אַ שטעטעל „רוזוועלט“

(געדאנקען פון א מענשען, וואָס עסט ב"ה אלע טאָג)

ביי די פיש האָט מיר מיין פרוי אונטערגעטראָגען דאָס שטיקעל נייעס וועגען א שטעטעל רוזוועלט, וואו מען האָט אָהן א פ א ר ו ו אָ ס געשאָסען אין א מאסע סטרייקער, און איך האָב געפיהלט ווי מיין בלוט הויבט אָן קאָכען, זידען, איבערלויפען. און קלייבענדיג פאַמעלעך די ביינדלעך פון שטיקעל קארפ, האָב איך געקייט דאָס געשמאקע שטיקעל פיש און געטראַכט צו זיך אליין:

— אזא נידערטרעכטיגקייט פון קאפיטאליסטען! די קעפ האָט מען זיי באדארפט אָפדרעהען! אזעלכע שוואַרצע קאניבאלען! אזעלכע פארדאמטע היצליעס!

אז מען האָט מיר דערלאנגט דעם טעלער מיט יויך און איך האָב דערזעהן צווישען די לאָקשען דאָס פיינע מארך־ביינדעל, וואָס איך האָב ליעב, האָט זיך מיין בעס אביסעל אָפגעקיהלט, און בלאָזענדיג אויף דעם געשמאקען ביסעל יויך, האָב איך צו מיר געמורמעלט:

— ווער ווייסט, נאָך אלעמען, ווער ס'איז שולדיג! סע קען דאָך נישט זיין, אז מען וועט גלאט נעמען אָרימע מענשען — טאטעס פון קליינע קינדער — און זיי שיסען? א סימן האָסטו — האָב איך געזאָגט צו זיך — פארוואָס שיסט מען ד י ך נישט: הא?

די ראָזינקע לאָקשען מיט ציטריק איז מיר שטארק געפעלען

ריזם איז פונקט ווי א ביליגער גומי־קראַגען — מ'קען איהם טראָגען אויףביידע זייטען, און אז ער ווערט קויטיג קען מען איהם א וויש טון מיט'ן ארבעל און ער איז ווידער פריש און נייַ און גלאַנציג.

נאָר ס'עט זיין גענוג.

אָדער: 1) דאָס לעבען איז געגליכען צו א פּייפּעלע: אזוי ווי דו פּייפּסט אין איהם אריין, אזוי שפּיעלט עס. 2) וואָס מעהר דו פּייפּסט אויפ׳ן פּייפּעלע, אלץ גרינגער ווערט דיר דער שפּיעל. דאָס זעלבע מיט׳ן לעבען. וואָס מעהר דו פּייפּסט אויפ׳ן לעבען, אלץ לייכטער ווערט דיר דער גאנצער נארישער שפּיעל (טיפּזיניג).

אָדער — פּארקערט: דאָס לעבען איז פּונקט דער היפּוך פון א פּייפּעלע. א פּייפּעלע, אז מען פּייפּט דאַרויף, איז עס גאַנץ אנגענעהם. אָבער אז מען פּייפּט אויפ׳ן לעבען איז פּאסקודנע.

אָדער וועגען ליעבע: דאָס **בעסטע מיטעל געגען ליעבע איז געגענליעבע**, און דאָס בעסטע מיטעל געגען געגענליעבע איז געגענהייראט. אָבער דאָס איז געגען אלע געגענגעזעצטע ליעבעסגעזעצען פון דער געגענוואָרט, געגען וועלכער עס איז נישטאָ קיין געגען־געגענוואָרט. (סאפּיר־ארטיגער אפאָריזם).

אָדער: די חופּה איז דער קורצער־פּרייטאָג פון דעם מענשליכען ראָמאנטיזם—מיט איהר ענדיגען זיך די אלע ראָמאנטישע האָפנונגען צוליעב וועלכע מען געהט צו דער חופּה.

אָדער: ליכט — איז די פינסטערניש פון דער מענשליכער נשמה. דאָס נשמה־אויג זעהט בלויז אין דער פינסטער. וואָס פינסטערער ס׳איז ארום דער נשמה, אלץ בעסער זעהט די נשמה זיך זעלבסט.

אָדער — אונשולדיגע מיידלעך, זענען פּונקט ווי אומשולדיגע בעלי־חובות — ס׳איז נישטאָ אזא זאך.

און — פּארקערט: א מיידעל וואָס איז אונשולדיג איז פּונקט דער היפּוך פון א בעל־חוב — זי פאלט ביי זיך נישט אראָפּ.

איך וואָלט נאָך געקענט ציהען א סך ווייטער און באווייזען מיט ביישפּיעלען אָהן־א־שיעור, אז דער אפּאָ־

נאָר ער ציטירט (אפּאָריזם). צו זיין אַ ציטאַטיסט איז נויטיג צו לעזען פרעמדע ביכער און דאָס איז נישט קיין ארבייט. צו זיין אַן אפּאָריזמאָלאָג איז — אפילו דאָס אויך נישט נויטיג.

אַ מענש וואָס שרייבט אפּאָריזמען איז געגליכען צו איינעם וואָס לעבט אויף ליידיגע נים — מען קען אויף זיי פייפען, אָבער נעהרען זיי נישט (אפּאָריזם). אַן אפּאָריזמען־זאָגער איז גלייך צו אַ קדיש־זאָגער, — ביידע דערמאָנען אַן בית־עולם (אפּאָריזם).

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך שווער — גלייך ווי איליאָדאָר: זאָל מיר אָפּ־דארען די פאָדערשטע האנט, זאָל איך איינגעמען אַ מיתה־משונה דאָ אויפ׳ן אָרט, (שוין אוועקגערוקט דאָס בענקעל) אויב איך וועל טראַכטען אפילו אַ רגע, איידער איך וועל אָנשרייבען די פאָלגענדע אפּאָריזמען וועגען טויט, לעבען, ליעבע און עהנליכע ענינים, וואָס וועלען מיר קומען אונטער דער האנט. איך טו דאָס כדי אייך צו באווייזען, ווי גרינג עס איז צו זיין אַן אפּאָריזמען־זאָגער און ווי לייכט מ׳קען זיך דאָס אויס־לערנען — אויב מ׳קען נאָר אַ ביסעל שטעפּען אויף דער מאַשין. איך האָב שוין אמאָל געזאָגט, אַז ס׳רוב אפּאָ־ריזמען קען מען נוצען אויףביידע זייטען. איך וועל נע־בען ביישפּיעלען: ד אָ ס ל ע ב ע ן. דאָס לעבען איז געגליכען צו אַ זייגער. אַ זייגער דאַרף מען אָנציהען און דאָס לעבען מוז אויך אָנגעצויגען ווערען. וואָס אָ נ ג ע צ ו י ג ע נ ע ר עס איז דעם מענשען׳ס לע־בען, אַלץ בעסער געהט דער מענש. אַלץ פּינקטליכער איז ער.

אָדער — פארקערט: אַ מענש איז פּונקט דער היפּוך פון אַ זייגער. אַ זייגער, אַז מען ציהט איהם אָן — ארט איהם נישט, און אַ מענש, אַז מען ציהט איהם אָן, פאַרדריסט עס איהם.

## אַפּאָריזמען און ווי אַזוי

דער אפּאָריזמען־פאַך איז אַן אַלטער פאַך, אָבער א גוטער. אנשטאָט צו ארבייטען ביי קאַשקעטען איז בעסער צו ארבייטען ביי אַפּאָריזמען. ביי אַפּאָריזמען איז נישטאָ קיין סלעק — סאַ פאַך וואָס געהט אַ גאַנץ יאָהר און נאָך מעהר. כדי צו שרייבען (אָדער צו זאָגען) אַפּאָריזמען, איז נישט נויטיג איינצוצאָהלען 25 דאָלאר אין דער יוניאָן און צו ארבייטען עטליכע וואָכען אומזיסט.

יעדער מענש, וואָס פארמאָגט זיין אייגענס א בלייפעדער און א שטיקעל פּאַפּיער, קען זיך אוועקזעצען און נעמען שרייבען אַפּאָריזמען — בעסערע אָדער ערגערע, בעסער ע ר ג ע ר ע ווי ב ע ס ע ר ע (אפּאָריזם) ווייל די בעסערע זענען געוועהנליך נאָך ערגער ווי דאָס, און דאָס איז דאָס ערגסטע דאַביי.

איך אַליין, דער שרייבער פון אָט־אָ־די צייֿלע, בין אויך אמאָל באַגאַנגען אַפּאָריזמען אין אלערליי פאָרמאַטען. גרעסערע און קלענערע. און אויך ג אָ ר ג ר ו י ס ע. איך האָב נישט געזשאַלעוועט. ווייל וואָס קען זיין גרינגער ווי צו זיין א חכם פון א רעדאקציע? און וואָס איז לייכטער ווי צו זיין משל׳דיג־פעליעטאָניסטיש? און וואָס איז קלענער, מיזערנער, נישטיג־שכל־לאָזער ווי אַן אפּאָריזם?

דער אַפּאָריזמאָלאָג איז נאָך ערגער ווי דער ציטאַטיסט. דער ציטאַטיסט — ציטירט. ניט ער ציטערט,

אַז איהר געהט מיך נישט אָן. היינט איז דאָך נישט נעכטען, ליעב פריילײן! נעכטען איז געווען א רעגענדיגער טאָג און מיר איז געווען אומעטיג — האָב איך מיט אייך געשפּיעלט א ליעבע, אייך געקושט, אייך אונזאָווייטער. היינט איז שעהן און אויסגעלייטערט אין דרויסען און איך האָב געלד אין קעשענע — קאָן איך זיך מיט פּשוט'ן וויין פאר'שיכור'ן. דארף איך אייערע אויגען נישט. זענט איהר מיר איבערדריסיג.

ניין, פריילײן מ. פאפאל. דאָס איז נישט מיין לעצט וואָרט. קאָן זיין, אז שפּעטער מיט א שעה וועל איך דענקען אנדערש.

לאָזען זיי פּאַרזעצען זייער גאַנג אין דער פינסטער. אין דער פינסטער טרעפט מען ניכער צום ליכט — צום צאַר־טען בלאָהען ליכט פון גלויבען, (מערקט די פּאָעזיע) וואָס דאָס איז אַ סך אָנגענעהמער ווי די אויגען־אויפ־רייסענדע און נשמה־בלינד־מאַכענדע ליכט פון די רויטע שמאַטעס, וואָס זאָגען אָן ס׳אָנקומען פון גרעסערע שיס־לען באָרשט.

ניין, איך בין נישט קיין אַרבייטער־פריינד ביי פאַך. מיין האָס צו קאַפּיטאַל געהט בלויז אויף אַזוי ווייט, אויף וויפיעל דאָס שמוציגע קאַפּיטאַל וויל נישט אַרי־בערגעהן אויף מיין זייט. מיין ערשטע ליעבהאָבערין, איז נישט געווען די דאַמע מיט׳ן פּאַקעל אין דער אויפ־געהויבענער האַנט נאָר פאַרקערט. מיין ערשטער ראָ־מאַן איז נישט געווען מיט דער פּראָלעטאַרישער אידעע, נאָר מיט עטליכע טויזענט בלאָנדע רענדלעך, וועלכע זע־נען געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט אַן אונפּראָלעטאַריש פּיאַנאָ־שפּיעלענדיג מיידעל.

ניין, איך בין נישט קיין אַרבייטער־פריינד ביי פאַך, הער ג. לעפיף!

* * *

. . . וואונדערט זיך נישט, ליעב פריילײן מ פּאַפּאַל, וואָס איך האָב נעכטען געזאָגט אַנדערש ווי היינט.

עס איז ביי מיר אַזאַ געוואוינהייט.

וואָרים מוז דען אַ מענש זיין צוגעבונדען און פאַר־שקלאַפּט צו זיין וואָרט?

איך בין אַ ראַדיקאַלער מענש און אַ פריידענקער — דיען איך צו קיין געטער נישט. וויל איך נישט דיענען אפילו צו מיין וואָרט. און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דען מיין וואָרט צו מיר? איז דען דאָס אַרויסגעאָטעמטע ביסעל ווינד אַ זאַך וועלכע שטעהט העכער פון מ י ר זעלבסט און מיט וואָס איך מוז זיך רעכענען?

. . . כ׳האָב אייך נעכטען געזאָגט, אַז איך האָב אייך ליעב? — נו, זאָג איך איצט אַנדערש. זאָג איך איצט

איהר זיין נאָך א שוואכערער. איהר טאָרט נישט זיין גרעסער פון מיר — אויב איהר ווילט נישט ארויסרופען מיין האס און איהר טאָרט נישט זיין קלענער פון מיר — אויב איהר ווילט נישט, אז איך זאָל אייך פאראכטען. איהר מוזט דארום זיין גענוי אזוי ווי איך, און דאן, ווי געזאָגט, וועט איהר זיין איבריג. ווייל משה־נאדעריי איז א לוקסוס, נישט קיין נויטווענדיגקייט.

פארשטאנען?

* * *

. . . ניין, פריינד נ. לעפיף. ס'איז נישט וויכטיג צו זיין מיט די שניידער ארבייטער. מען מעג זיי גאנץ אָפען זאָגען, אז זייער איינפלוס אויף דער אידישער ליטעראטור איז א שעדליכער, א פארדארבענדער.

מען קאָן גאנץ שעהן זיין א ליטעראט, א מיטארבייטער אין א אידישער צייטונג און נישט זיין קיין ארבייטער־פריינד ביי פאך. מיר לאָזען דאָס איבער צו די מעהד סוחרים און ביער שענקערס. מען דארף נישט קיין תירוץ דארויף, אויסגעטראכטער פריינד נ. לעפיף!

איך האָב נישט ליעב די ארבייטער, דערפאר ווייל זיי קויפען ווייניג ביכער און גיבען נישט אָפּ גענוג כבוד אונזערע ברידער די ליטעראטען. זיי ארבייטען נעביך שווער? נו, זאָלען זיי נישט ארבייטען שווער, אויב זיי האָבען א ברירה. און אויב זיי האָבען נישט קיין ברירה, טו צו־וואָס מאכען פון דער נויט א טוגענד?

ניין, איך בין נישט קיין ארבייטער־פריינט. צו זיין אן ארבייטער־פריינד איז פונקט אזוי אָריגינעל ווי צו זיין א איד. אן אָריגינעלער גוי — וויל זיין א איד. א איד — נישט. א שוויינקערעל, א הארצלאָזער שופט, — וויל זיין אן ערשטער ארבייטערליעבהאָבער. דעם אמת'ן ארבייטער־פרימאדאָן, איז דאָס מיאוס און אי־בערדריסיג.

ניין, איך בין נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער פריינד פון די ברידער ארבייטער. איך וויל זיי נישט אויפקלערען.

## באַקוועמע שטאַנדפּונקטען

ניין, העָר קלוינעמים, אייער שרייבען געפעלט מיר נישט. קיינער פון די אידישע שרייבער געפעלען מיר נישט — מיט דער אויסנאהם פון די, וואָס האלטען פון מיין אונגעהוירען טאלאנט. און די געפעלען מיר אויך נאָר אלס מענשען, נישט אלס שרייבער.

ניין, נישט אפילו דער באריהמטער הומאָריסט וועמענס נאָמען איהר דערמאָנט. ער שרייבט נישט אזוי ווי איך — טויג ער נישט. מען מוז שרייבען אזוי ווי איך, אָדער גאָרנישט. בעסער מאכט נישט אויס, נאָר דאָס איז נאטירליך אונמעגליך.

. . . איך קאָן אייך קיין עצות נישט געבען ווי אזוי צו שרייבען. ווי אזוי איהר וועט נישט שרייבען וועט דאָס אליץ נישט זיין גוט. סיידען איהר וועט נעמען שרייבען פונקט אזוי ווי איך. אויב איהר וועט דאָס טון וועט איהר זיין א פעלשער, א נאָכקרימער, א פלאגיאטאָר, א מענש אָהן א פונק אָריגינאליטעט, און אייער שרייבעריי וועט טויגען אויף תשעה־ניינציג כפּרות.

. . . איהר פארשטעהט שוין פון מיינע קלוגע רייד, אז איך בין נישט מחויב אייך אָנצואווייזען פאַרוואָס אייערע הומאָריסטישע ווערק זענען נישט גוט. זיי זענען נישט גוט דערפאר, ווייל זיי טאָרען נישט גוט זיין. איך אליין בין א שוואכער הומאָריסט — מוזט

'טאשענטיכלעך פאר היינטיגער וואך. איך האב געהערט דאס זינגען פון נאכטיגאלען און עס האט מיך דערמאנט, אז איך בין שוין עלף יאהר פארהייראט און אז ס'איז מיר אומעטיג.

יא. איך האב א סך געררייזט, מיינע פריינט. איך האב מיך אנגעזעהן א וועלט. אבער אין ערגיץ האב איך נישט געטראכט די געוויסע געדאנקען, וואס מ'דענקט געוועהנליך ביי געוויסע געלעגענהייטען. א ד ר ב א!

אין מאדריד, צומביישפיעל, האב איך געטראכט וועגען א נייעם קאפעליוש.

אין באנדאר האב איך געטרוימט וועגען א בעסער אידיש טעאטער.

אין מאסקווע האב איך געהאט ס'געפיהל, אז איך וועל פארלירען ס'רענציל.

אין פאריז האב איך פארבראכט די טרויעריגסטע טעג פון מיין לעבען און אין וויען פלעג איך טראכטען פון דער בלאהער וואלגא, וועגען וועלכער איך האב אמאל געהערט זינגען אויף א פיק־ניק פון אידישע פריי־טראכטער.

ווי שלעכט מיר איז וואס זאכען דערמאנען מיך נישט אן דעם, וואס זיי דארפען מיך געוועהנליך דערמאנען! אפילו די נייעס פון דער מלחמה רופען ביי מיר אפט ארויס נישט מעהר ווי דעם געדאנק, אז איך דארף באלד אנשרייבען עפעס א געלונגענע זאך, אדער רויכערען די ליולקע.

ווי אונערהערט!

פלוצים דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסען אָפּצוגעבען אין ביבליאָטעק דאָסטאָיעווסקי׳ס „ברידער קאַראַמאַזאָוו" און קאָנראַד׳ס „לאָרד דזשים", און אַז דאָס קאָסט מיר פיער (4) סענט אַ טאָג, אכט טעג — צוויי־און־דרייסיג סענט.

איך האָב געזעהן ווי די זון געהט אונטער אויפ׳ן שפּיץ פון אַ הויכען בארג אין דער שווייץ.

עס איז געווען וואונדערבאַר, גראַנדיעז, הערליך. די פאַרעלטערטע מוטער נאַטור האָט באַקומען פאַרב אין די באַקען, און האָט זיך גענומען רויטלען, און שפּיעלען פאַר־שעמטערהייד מיט דער גרינער שאַל, וואָס האָט פאַרדעקט איהרע הויכע בריסט. עס האָט אַרויסגעבלייכט דער טאָג מיט זיינע רויטע סאַנדאַלען, און די נאַכט האָט ביסלעכ־ווייז גענומען אָנוואַרפען איהרע בלאָהע שלייערס, — אַ סימן, אַז זי קומט באַלד צוגעהן אן אויסגעטועגע, מיט׳ן לבנה־לאַמטערן אין האַנט.

איך האָב באַוואונדערט דאָס שעהנע נאַטור־בילד, און איך האָב מיך פּלוצים פאַרבענקט נאָך דעם אָנגערויכער־טען קאַפע, אויף דער ניו־יאָרקער צעהנטער גאַס.

איך בין געשטאַנען לעבען דעם שטיינערנעם ספינקס און באַוואונדערט, ווי אַזוי ער שטעהט אַזוי לאַנג אויף אַן אָרט.

איך האָב געקוקט אויף זיין משונה׳דיג געשטאַלט און איך האָב מיך פּלוצים דערמאָנט, אַז איך האָב מיר שוין עטליכע טעג נישט געפּוצט די נעגעל, און אַז איך בין שרעקליך שלעפּעריג.

איך בין געשטאַנען לעבען דער כותל־מערבי אין ירושלים, געזעהן ווי אידען פון דער גאַנצער וועלט שטעהן און ניסען־אויס זייערע הערצער פאַר דער טויטער וואַנט, און עס איז מיר געקומען אויפ׳ן זין, אַז די נאָרוועגישע שיקסע האָט מיר שוין צוויי וואָכען נישט געשריבען קיין בריעף, און ווער ווייסט וואָס זי טוט?

איך האָב געזעהן די בילדער אין לואַוור, און איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איך האָב נישט גענוג זויבערע

## אידעען־פאַרבינדונג

עס פארבינדט זיך:
אַ וועלט — מיט אַ וועלט,
אַ געדאַנק — מיט אַ געדאַנק.

איך בין געשטאַנען לעבען דעם ניאַגאַראַ וואַסערפאַל. ארום מיר האָבען זיך אויפגעהויבען צויבערשלעסער פון דעם פראָסט'ס ווייסען האַמער אויסגעשמידט. ווייסע, וואונדערליכע פראָסט־שטיקערייען האָבען געהאַנגען אין דער בלאָהער ווינטער־לופט. איך האָב דאָס אַלצדינג אָנגעקוקט און געטראַכט, אז עס טוט מיר וועה א צאָן.

איך האָב געהערט דאָס פארשלאָפענע גערויש פון די וואַסערפאַלען און עס איז מיר איינגעפאַלען, אז איך האָב נאָך היינט נישט געטרונקען מיין טעגליכען מילכ־פונש.

איך האָב באַטראַכט דאָס גרויסע נאַטור־וואונדער און עס איז מיר געקומען אויפ'ן זין, אז אזוי ניך ווי איך וועל קומען צוריק אַהיים, וועל איך מיך אַנידערזעצען און — שרייבען אַ בריוועל צו קאַסיאַ'ן.

איך האָב געזעהן דעם גרענד־קעניאָן און זיין גאַנצער וואונדערבאַרער שרעקליכקייט, איך האָב געהערט דאָס גאָרנעלדיגע רוישען פון די וואַסערען, וואָס דערטרינקען זיך אין זייער איינענער געפאַהר, און איך האָב מיך

צו זייערע גאניקעס און באדיכטעט זייערע שלאנקע קערפערס.

עס איז מאָדערען צו האָבען רחמנות אויף די מלחמה־כלות, וועלכע זענען נעבעך ענדליך אין א מזל'דיגער שעה פאראומגליקט געוואָרען פון א סאָלדאט.

עס איז מאָדערען אריינצופאלען אין התפעלות פאר א קראנקען־שוועסטער, וועלכע פארבינדט מיט דעליקאטע הענטלעך די וואונדען פון די צעהאקטע זעלנער, בעת די זעלנער אליין וואָלטען א סך ליעבער נעשמעקט דאָס שלעכטע קעלניש־וואסער מיט וועלכען די דאמען באשפריצען זיך, איידער — פולווער.

צום שלום וויל איך נאָר זאָגען צו מיינע ליעבע לעזער, אז זיי זענען נאָך פיעל צו יונג צו פארשטעהן די גאנצע לאגע. נאָר אויב זיי וועלען אמאָל אונטערוואקסען און הייראטען, וועלען זיי באגרייפען וואָס פאר א וועלט־חכם מאָישענאדיר איז און פארוואָס ער איז אזוי אויפגעבראכט אויף דער פאָפולערער אָנשטענדיגקייט.

דערווייל לאָזט ער אייך אלעמען גריסען, וגם אייערע כלות גאָר פריינטליך.

ור"ל.

און מעהר ווי אלעס האָט מאַישענאדיר ליעב די מלחמה־פילאנטראָפען.

מעהר פאַר אלע מיהט ער זיך צו באגייסטערען פאַר די דאמען, וועלכע זענען אזוי שטארק געטראָפען פון דער מלחמה.

קאטאסטראָפען נאָך דער רייהע: בריסלער שפּיצען קאָסטען אזוי טייער. ליל׳ער פיינע זאָקען — זענען ארויף אין פּאריז. צו דמשק׳ער טעפּיכער—איז גאָר נישט צוצוקומען. פּאריזער מאָדעס — קומען צו אונז אזוי לאנגזאם. בעלגישע רימענטען — איז שווער ארײנצו־שמוגלען.

טוט אזוי וועה מיין יונג הארץ.

בלוטעט אזוי מיין פארוואונדעטע נשמה און סטאפּט צוליעב דעם פון דער ארבייט.

דען שוידערהאפטע איז דער צונויפפאל פון מאָדערנעם רוים. בלוטיג איז דער צוריקגאנג פון דער ציוויליזאציע. און טייער זענען די בריסלער שפּיצען.

און דאָ ליגט דער שפּיז, מיינע אלערליעבסטע לעזער.

לאָמיר אוועקזעצען די דאמען אויף אונזערע שווי־סען און זיי הערצליך באדויערען, זאָגט מאַישענאדיר.

מילא אונזערע אייגענע מענשען, די וואָס טראָגען הויזען, מאכט נישט אויס. זיי זענען שוין דערצו גע־וואוינט. הרג׳עט זיי אפילו, אין די מיליאָנען, צעשיסט זיי ווי מייז — ס׳איז גאָרנישט ביי זיי. דערויף זענען זיי זעלנער. אָבער שאנעוועט מיר די דאמען, הערר קריגס־קאָרעספּאָנדענט! מאכט זיי פאר דעליקאטע העלדינען, פליעז! פארגעטערט און פאר׳מלאך׳ט זיי אין די שענ־סטע ווערטער. קושט זייערע רויזרויטע פינגערשפּיצען, שווערט זיי אייביגע ליעבע ביז נאָך דער חתונה. שיקט א ברכה אויף זייערע בלאָנדע קעפּלעך און א סערענאדע

לאָמיר ארויסטראָגען א רעזאָלוציע, אז עהרליכקייט איז א מלמדי'שע ביזנעס, און, אז בשעת איינער ניט צדקה פארבאָרגענערהייד, איז זיין גרעסטער וואונש, אז מען זאָל איהם כאפען ביי דער האנט.

רען צו וואָס זענען מיר מענשען נעגליכען? — פרעגט מאַישענאדיר. און ער ענטפערט: מיר זענען געגליכען צו גרויסע שווינקערלען, וואָס זענען נאָך דערצו היבשע בהמות.

צי קענט איהר אונזערע גוטע און פרומע לייט?

מאַישענאדיר קען צופעליג איינעם אזא. ער איז אזוי פארדאמט אנשטענדיג, אז עס שלאָגט צום הארצען. ער איז אזוי פארפלוכט גוטהערציג, אז עס ווילט זיך איהם דערלאנגען מיט עפעס איבער'ן קאָפּ. ער איז אזוי נאָבעל, אז בלויז קוקענדינג אויף זיינע צוויי באקען־בערד פאלט שוין אָפּ דער אפעטיט צו בעטען ביי איהם א טובה.

און אז ער געהט אהיים פון גאָטעסדיענסט — כאפט ער זיך אויפ'ן וועג אריין אין א קאבארעט און דערענדיגט ס'דאווענען דערענדיגט ער.

וואָס זאָל מען טון צו אזא מין אידען? פרעגט מאַי־שענאדיר. און ער ענטפערט מיט דער געפעליגער מיט־ווירקונג פון זיינע לעזער: אזא אידען דארף מען אוועק־זעצען אין דער קאָמיסיע, וועלכע האָט אלס אויפגאבע צו אונטערזוכען די בלאָנדע שקלאפעריי פון די ווייסע שקלא־פען, צווישען וועלכע עס געפינט זיך מסתמא אויך א היבש ביסעל נעגערטעס.

אָ, דו ליעבע אנשטענדיגקייט! איך נעם אראָפּ פאר דיר ס'היטעל און ווארף עס דיר אין קאָפּ אריין.

אָ, דו אלערהעכסטע מענשענפריינטליכקייט! — איך ווארף זיך פאר דיר אין שטויב און זוך צי האָט נישט א פריץ פארלאָרען א פּאָר רענדלעך.

# אָרענטליכקייט

זייט אָנשטענדיגע לייט און איהר — וועט זיך פיהלען שווידערליך לאנגווייליג. זייט גוט צו אייערע מיטמענשען און — מע וועט אייך האלטען פאר גרויסע דומקעפּ. זייט געטרייע פאמיליען־פאָטערס און איהר — וועט פריה געהן פון דער וועלט.

אזוי זאָגט מאָישענאדיר.

און ער רוהט אָפּ א ווײַלע זיין מידע פעדער און זאָגט ווייטער:

קענט איהר מארק טוויין'ס מעשה מיט די צוויי ברי־דער — איינער א גוטער און איינער א שלעכטער?

איך וועל זי אייך איבערדערצעהלען אויף אויסווענינג:

געווען אמאָל צוויי שני־אחים'דיגע ברידער. איז איי־נער פון זיי געווען א פיינער מענש, א זיידענער יונגער־מאן און געהאט א גוטען קאָפּ. און אָפּגעהיט כיבוד־אָב־ואם. און געהאט א הארץ פון א צדיק, האָט איהם טאקע דערפאר גאָט געהאָלפען און ער איז געווען א גרויסער אָרימאן.

דער אנדערער ברודער איז געווען א זשוליק, א פּארך, א ליידאק, א פארשטאָפּטער קאָפּ איז ער דערפאר אויס־געוואקסען א גרויסער עושר און דער אָנגעזעהענסטער בירגער אין דער געמיינדע.

שטימט צו, אלע מיינע פריינט, אז דאָס איז א געלונ־גענער וויץ און לאָמיר עס אָננעמען אָהן רעבאטען.

כאַריסטקעס. ס׳רוב פון זיי זענען נאָך פולשטענדיג פאַר־
מיידעלט, אָבער מאנכע זענען אויך ס׳געגענטייל. אין
אלגעמיין טראָגען זיי געגרייזעלטע פּאה׳לעך און ניבען
אַפּ זייער פרייע צייט אויף עסען שאָקאָלאדע.

דילס, מעשילס, פייוועלס, נתנס, חנאס און אנדערע פון דעמזועלבען סאָרט.

אָט דער קלאַס מענשען, שטאמט געוועהנליך פון אוי־מעטום און זיי צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס זיי זענען בעסערע סטרייקערס ווי באַלמעלאָכעס.

צווישען די פרויען זענען צום מייסטען פּאָפּולער די אסתרס, חנהס, שרהס, רבקהס, פייגעס, לאהס און דבורהס. דאָס איז א קלאַס פרויען מיט וועלכע די מענער מוזען זיך רעכענען. ס'רוב פון די דאָזיגע פרויען זענען אמאָל געוועזען מיידלעך און — שעהנע מיידלעך דערצו. מען קען זיי אָפּט טרעפען אין די פּארקס, אויף די בעלער, ביי קאָנצערטען און אומעטום וואו בחורים קומען זיך צונויף.

עהנליך צו די אסתרס און אנדערע, זענען אויך די ציי־פּעס, גנעשעס, חייקעס, גיטעלעך, האָדעלס, סאָשעס און גנענדילס. געוועהנליך זענען זיי ווייט נישט אזוי יונג און ווייט נישט אזוי בלאָנד, ווי די וועלכע מיר האָבען דאָ פריהער אויסגערעכענט. שולדיג אין דעם זענען די אומשטענדען און די אפּטייקערס. אָבער אין אלגעמיין זענען זיי זעהר סימפּאטיש און מען קאָן זיך מיט זיי פארברענגען.

רייצענדער ווי אלע זענען די סאָניאס, דאָניאס, מאַ־ניאס, פראניאס, וויעראס — מיט זייער רוסישער אויס־שפּראך און מיט זייער ליעבע צו פארשידענע בחורים, סיי אזעלכע און סיי אנדערע. די דאָזיגע מיידלעך זענען גע־וועהנליך אינטעליגענט. טראָגען ש ל י א פּ ע ס אָנשטאָט היטעלעך און ארבייטען ענטוועדער אין שניידער־שעפּער אָדער אין שפּיטעלער — אלס קראנקען־שוועסטער, וועל־כע מאכען אלעמען קראנק מיט זייער ליעבע.

זעהר א פרעהליכע ערשיינונג אין דער אידישער גאס זענען די בויטיס, גאָידיס, קעידיס, לילים, נאָסים, פּענים, בעלאס, בעסים און לינעס. די דאָזיגע זענען כמעט אלע באשעפטיגט אלס טייפּרייטערינס, בוכהאלטערינס און

דאָס ערגסטע וואָס סע קען זיך טרעפען מיט א בעריל איז, אז מען זאָל איהם איבערפאָהרען מיט אַן אויטאָמאָביל, אָדער ער זאָל שטארבען פון צופיעל... יאָהרען. אָבער וואָס פאר א באדייטונג האָט עס, אין פארגלייך מיט די גליקליכע מאָמענטען וואָס די בערילס גענניסען בעת... זיי גענניסען זיי?

צו אַן אנדער קלאַס מענשען, מיט א גאנץ אנדערע פסיכאָלאָגיע, געהערען די משה'ס, וועלווילס און שמואַ־ליקלעך. די דאָזיגע לייטע פיהרען געוועהנליך גרויסע געשעפטען און זענען געגען א אידישען קאָנגרעס. אָבער אין אלגעמיין זענען זיי נישט קיין שלעכטע מענש־לעך, נאָר אביסעל צו קארג אויפ'ן גראָשען.

אינטערעסאנט זענען אויך די לייט, וואָס רופען זיך נעציל, זעליג, שמעיהו, ישראל, פנחס און גרשון. די דאָ־זיגע אידען זענען ס'רוב אין די פופציגער יאָהרען און זעהר ווענויג פון זיי האָבען געדיענט אין מיליטער. פאר־הייראטע זענען צווישען זיי דאָ זעהר פיעל און דאָס ביי־סעל וואָס זענען נישט פארהייראט, טוען א סך אויף פאר פאלעסטינא. די אינגערע צווישען זיי זענען וואָלונטירען, היטעלמאכערס, שפעקולאנטען, גראָסערי לייט א. א. וו.

וועניגער פאָפולער פון זיי זענען די יאָסעלעך, אברהמלעך, יאנקעלעך, דודלעך, חיימלעך און הערשעלעך. די דאָזיגע מענשען שלאָפען זעהר זעלטען אין דרויסען און בכלל זענען זיי גרויסע אנהעננגער פון קאַלאָשען, באנקביכלעך, האלז־שאליקלעך און אנדערע נוטע זאכען.

א יאָסעלע, אָדער א חיים'על, אז סע ווערט אלט דריי יאָהר, הויבט עס אָן טראכטען פון א תכלית, און ביי 16 יאָהר איז עס שוין ענטוועדער א מלמד אין א קליין שטע־טיל, אָדער אז נישט, פאָהרט עס ערגיץ אוועק און... מ'ווייסט נישט וואו עס איז אהינגעקומען.

צווישען די מענשען מיט וועלכע עס לוינט זיך צו באקענען מעג מען אויך ארייגרעכענען די זאנווילס, מענ־

# ווי רופט מען אייך

„זאָגט מיר ווי איהר הייסט און איך
וועל טרעפען אייער גאָטען“.
— אַ אידיש ווערטיל.

אויב איהר הייסט ע ל י ע, זענט איהר געוועהנ־ליך אַן אונטערבינלער און וואוינט אין דילענסי סטריט. געוועהנליך זענט איהר פארהייראט און האָט אַ פרוי מיט זעקס קינדער און איהר זענט שוין אַ איד אין די יאָהרען.

פארדיענען, פארדיענען די עליעס (אלס אַ ראסע) זעהר ווייניג. דאָס העכסטע וואָס אַן עליע פארדיענט איז 14 דאָלאר אַ וואָך און מוז ארבייטען ווי אַ פערד.

אַ גאַנץ אנדער סאָרט מענשען זענען די איציקס. אַן איציק איז געוועהנליך ענטוועדער אַ קראוואטענמאכער, אָדער אַ דעזיינער. זעהר ווייניג פון די איציקס זענען פארהייראט. און די וואָס זענען י אַ פארהייראט, ווינשען זיך דעם טויט אלע מינוט און אלע רגע.

איציקס — אלס אַ פאָלק — שטאמען געוועהנליך פון גאליציען. אין פוילען געהען זיי געוועהנליך האנט־אין־האנט מיט די מאיערס און מ'רופט זיי דערפאר איטשע־מאיערס, כאָטש פיעל פון זיי זענען גאַנץ אָנשטענדיגע מענשען.

גליקליכער ווי אלע זענען די בערילס.

די דאָזיגע מענשען זענען כסדר פרעהליך און אויפ־געלעבט און סע ארט זיי נישט וואָס מאָרגען וועט זיין.

טאָנס און קופּערניקוסעס און שינזאקסעס און עלראָזוענ־צווייגס.

דער פ א ק ט, אז ערגיץ ווייט־ווייט אויף אן אק־רענט זיצט א בלייכע פּרינצעסין מיט בלאָנדע לאָקען און ווארט אויף איהר פּרינץ משה נאדיר, וועלכער דארף קו־מען א געפּאנצערטער און זי באפּרייען פון די עלף־הונ־דערט־און־זעקס־און־זעכציג ים־קאָטערס, וועלכע האלטען זי געפאנגען (לאָמיר אזוי וויסען פון בייז פארוואָס) איז סאר מיר מעהר ערפרעהענד ווי אלע ציפערען פון דער גאנ־צער וועלט. דער פ א ק ט, אז אמאָל, אמאָל ווען סע וועט מיך אָנכאפּען א וואנדערלוסט, וועל איך ארויפגעהן אויפ'ן דאך, אויסשפּרייטען די לאנגע הענט מיינע און א פליה טון, אזוי הויך, אז הונדערט אָדלערס וועלען מיך נישט קענען כאפּען, איז פאר מיר מעהר ווארהאפטיג ווי דער פאקט, אז ס'איז היינטיגע צייטען שווער אויסצו־קומען מיט ניין דאָלאר א וואָך.

סלה!

משה נאדיר טוט פונקט קאפויר ווי די תכלית'דיגע גמרא־מלמדים שרייבען אין זייערע ווערטע ספרים.

ער געהט שנעל — כאָטש עס שאדט צום הארץ.

ער טרינקט בראָנפען און וויין און רויכערט אָהן א שיער — אויף צו להכעיס די בעסטע דאָקטוירים.

ער לעגט זיך זייגער פיער פארטאָג, און א זונען־אויפ־גאנג זעהט ער בלויז אין אילוסטרירטע זשורנאלען.

די בעסטע לופט איז פאר איהם די אָנגערויכערטע, פרעכטיג־שעדליכע לופט פון קאפע. דאָס בעסטע געזאנג איז פאר איהם דאָס ערהאבען־שעדליכע טומלען פון דער גרויס־שטאָט. און זיין אנגענעמסטער שפאציר איז אויף בראָדוויי און דריי־און־פערציגסטע סטריט, וואו ער פיהרט א קונציגען מאנעווער מיט די פיין־שטינקענדיגע אויטאָמאָבילען.

דער פאקט, אז די לבנה איז א הימלישער קערפער, איז פאר משה נאדיר ווייניגער ווערט, ווי דער פאקט, אז עס זיינען פאראן א מאסע זעלבסט־לויכטענדע דאמען־קערפערס. דער פ א ק ט, אז ערגיץ גאנץ ווייט איז פאראן א קעניג מיט זיבען זיהן, און איינער פון די זיבען זיהן מיט'ן נאָמען אליבאבא האָט א ווינשפינגערעל, וואָס אז מען רייבט דאָס אויפ'ן ארבעל פליהט מען וועלט־איין און וועלט־אויס, האָט פאר מיר גאָר א טיפע באדייטונג. דער פ א ק ט, אז משיח וועט קומען (אקוראט) אויף א ווייס פערד, און מיר אידישע קינדער, וועלען אריבער־געהן קיין ארץ־ישראל אויף א מעכטיגער בריק פון ציגא־רעט־פאפיר, איז פאר מיר מעהר וויכטיג ווי א גאנצער רעגימענט סטאטיסטיקער. דער פ א ק ט, אז נאָך מיין טויט וועל איך מיך אוועקזעצען אין דעם שעהנעם, פיין־געשפאלירטען גן־עדן, און וועל מיר קוויקען דאָס טויטע הארץ מיט דעם גוטען ביסעל רומענישען יין־המשומר, און פארבייסען מיט דעם טייערען שטיק אונגארישען לויתן, איז פאר מיר ווערט מעהר ווי אלע סיר־אייזעק ניו־

## פאַקטען וועגען פאַקטען

מיין ליעבער הערר פעדאגאָג, איך פייף אויף אייערע פאקטען! דער פאקט, אז איהר זענט פול מיט פאקטען, איז פאר מיר פאקטיש א באוויז, אז איהר זענט א גרוי־סער — מיט פאקטען — אָנגעשטאָפּטער עזעל. דער פאקט, אז איהר נעמט אייערע אומשולדיגע קינדער און שטאָפּט זיי מיט פאקטען, באווייזט, אז איהר זענט א בהמה אין שטעק־שיך. דער פאקט, אז פאר אייך עק־זיסטירט נישט דער סאָד מיט גאָלדענע עפּעל, און דער באקאנטער נידערטרעכטיגער חזיר, וועלכער קומט אלע נאכט אין גאָרטען און מאכט א תל פון די פערצעהן־קערעטענע עפּעל, באווייזט, אז איהר זענט אן אויסערגע־וועהנליכער מלמד. דער פאקט, אז איהר לייקענט אָפּ די עקזיסטענץ פון ים־מיידלעך און פּיפּערנאָטערס און שרע־טעלעך, באווייזט, אז אייער נשמה געהט אוים פון הונגער, און זי ווייסט אפילו נישט דערפון. דער פאקט, אז איהר האלט די מענשהייט פאר א גרויסען צעבער, אין וועלכען איהר גיסט אריין אייערע וואוילגעלערענטע פאקטען, באווייזט, אז איהר זענט א זעהר קאָרעקטער — אידיאָט.

משה נאדיר דארף נישט אייערע פאקטען, ליעבער גע־לעהרטער! ער פייפט אויף אייערע צוויי־מאָל־צוויי־איז פיער לאָגיק.

ער דארף אויף טישענייצינקאפּאָרעס אייערע ציפע־רען.

אייער געליעבטער, וועלכע וועט זיך דערמיט שטארק דערפרעהען.

טאָמער איז דאָס אייך וועניג, קענט איהר נעמען א נייעם רעגענבויגען און זיך אויפנעהען דאפון א שעהנעם קראוואט, אָדער אן אונטערקליידעל, אָדער איהר קענט מאכען דערפון א קאָלדרע. (די רעגענבויגען־קאָלדרעס וענען זעהר ווארעם).

שטארק אין דער מאָדע איז אויך דער ים גערוויש, וואָס מ'טראָגט אין די אויערען און די גרינגע בערג וואָס מ'טראָגט זיי אין די אויגען.

זעהר שעהן (און מאסיוו) איז אויך די קייט פון יאָהרען, וואָס מענשען טראָגען אויף די אקסלען, און זיי גיבען עס איבער בירושה צו זייערע קינדער און קינדסקינדער.

מיר רעקאָמענדירען ספּעציעל אונזערע ריינע קינדער־טרערען. זיי זעהען אוים אזוי ווי די שענסטע בריליאנ־טען, און טראָגען זיך זעהר גוט.

גערענקט, אז דאָס וועט זיין היינטיגען פריטאָג. קומט אין צייט!

גערענקט: איהר דארפט גאָרנישט איינצאָהלען און מיר גיבען אייך אלצדינג אוועק  אָהן א סענט געלט.

די צירונג, פון וועלכע מיר ריידען איז נישט קיין פאלשע, נישט קיין נאָכגעמאכטע. אונזער גאָלד איז אכצעהן (18) קערעט ריין, אונזער זילבער איז שטערלינג, אונזערע דימענטען זיינען אָהן א פלעק.

קומט אין צייט!

אזוי גיך ווי די זון וועט אויפגעהן (גערענקט אז דאָס איז היינטיגען פרייטאָג פארטאָג) קענט איהר אויס־שטעלען די פאָלעס אָדער א פארטוך און אריינכאפען א מאסע מיט גאָלד.

שפּעטער קענט איהר אוועקגעהן צום טייך, אָנשעפּען צוויי קריגלעך וואסער און זיי אויפהענגען אויף די אויער־רען — ריינע דימענטען. (באמערקט ווי זיי פעבלען קע־נען דער זון. א סימן, אז זיי זענען עכט).

אויב איהר האָט ליעב צו טראָגען זיידענע קליידער קענט איהר אָפּרייסען א שטיק ווייסען ווינד און איהם פארוואָרפען ארום האלז אָדער ארום דער טאליע. דאָס וועט אייך גאָרנישט קאָסטען. און עס וועט זיך טראָגען א לאנגע צייט!

דערנאָך קאָנט איהר (אויב עס וועט זיין א שטורעם) אהיימנעמען א פּאָר נייע, נעשליפענע בליצען, און זיי אויפהענגען אויפ׳ן הארצען — אלס א מין סאָרט „לאָווע־ליער". דאָס איז זעהר מאָדערן.

אויב איהר ווילט א פיינעם בראָנזלעט קענט איהר נעמען א שנירעלע פריהלינג־האָגעל, איהם ארומוויקלען ארום דעם געלענק פון דער האנט, וועט איהר האָבען ריי־נע פּערעל, וואָס קיינער קען נישט נאָכמאכען.

ביינאכט קענט איהר אָננעמען א פולע האנט מיט לבנה־זילבער און עס שיקען פאר א מתנה צו אייער כלה. אז נישט קענט איהר ארויסשעפּען פון דער ברונען, א פולען עמער מיט שטערען און עס אוועקטראָגען צו

## גרויסער אויספאַרקויף אויף צירונג

ווער פון אייך ס'האָט ליעב צירונג, זאָל אויפשטעלען די ראנט!

איינס, צוויי, דריי, פיער. זעקס, עלף, פיער־און־צוואנ־ציג, טויזענט.

גוט. איהר קאָנט שוין אראָפּלאָזען די הענט.

איצט וויים איך אז איהר האָט אלע ליעב צירונג.

איבערהויפּט דאָס געשלעכטליכסטע גע־שלעכט פון דער וועלט — די דאמען.

זיי האָבען ליעב צו טראָגען א דימענטענע שרפה אין יעדע אויערען. א ליכט־טורם אויף יעדען פינגער, א די־מענטענעם בליץ אויפ'ן האלז.

זיי האָבען זיך ליעב צו באָדען אין גאָלד, אין זילבער, אין פלאטינום, אין רובינען, און סאפּירען און טאָפּאזען.

אויב איהר מוזט האָבען אלערליי צירונג, וועלען מיר עס אייך געבען אבסאָלוט פריי.

דערצעהלט עס פריינט און באקאָנטע, זיי זאָלען נישט פארזאמען די געלעגענהייט.

און לאָזען זיי קומען פריה, זיי זאָלען נישט דארפען ווארטען!

מיר האָבען בלויז א באשרענקטע צאָהל פון אלערליי צירונג, און מיר ווילען זיי צוטיילען אומזיסט צווישען אונזערע קונדען — היינטיגען פרייטאָג, צווישען זיבען א זייגער אין דער פריה און צוועלף א זייגער ביינאכט.

ציהט זיך אוועק ביז פארגאנגענהייט־עוועניו און מעהר זעהט מען זי נישט.

קומט אין צייט, ברידער, און פארגעסט נישט מיט־צוברענגען אייערע אלטע פריינט — די חלומות, די האפנונגען, די ענטוישונגען, די יסורים, די קראנקהייטען, די לאנגוויילע.

עס וועט זיין דער איינציגער זעקסטער סעפטעמבער פון יאהר אזוי־פיעל־און־אזויפיעל, אין דער גאנצער וועלט־געשיכטע, און אויב איהר וועט איהם חלילה נישט באגעגענען וועט זיין זעהר טרויעריג. פונקט ווי עס וועט זיין אומעטיג, אז איהר וועט איהם יא באגעגענען.

אויף צום זעקסטען סעפטעמבער!

מאכען מצבות, גנבים וועלען גנב׳ענען, שוחטים וועלען שעכטען, דאָקטוירים וועלען היילען, שרייבער וועלען פארצייכענען, טכוירען וועלען טון וואָס זיי דארפען, בלומען וועלען דופטען.

דער זעקסטער סעפּטעמבער וועט זיין א טאָג, וואָס אונזערע לעזער וועלען לאנג־לאנג נישט פארגעסען.

די טייכען וועלען פליסען, די פייגעל וועלען טשווי־טשערען, די מענשען וועלען אָטעמען, דער הימעל וועט לינען אויסגעשפּרייט זעהר הויך איבער׳ן קאָפּ, אזוי אז ער זאָל נישט פארפלעקען די קאפּעליושען, און די ערד וועט זיין  ה א ר ט  אונטער די פיס און מ׳וועט קענען אויף איהר גערן.

עס וועט זיין הערליך!

שמעטערלינגען וועלען ארומטאנצען ארום פייערען, פידעלשפּיעלער וועלען שפּיעלען פידעל, בלינדע וועלען מיט אמאָל נישט זעהענדיג־ווערען, טויבע וועלען זיין טויב, און שטומע וועלען רעדען אזוי, אז מ׳וועט נישט פארשטעהן וואָס זיי ווילען.

גרייט זיך צום זעקסטען סעפּטעמבער, ליעבע לעזער, עס וועט זיין גרויסארטיג!

באלד אין דער פריה וועט ווידער אויפגעהן די זון זעהר קלאָר, אָדער סע וועט זיין פארוואָלקענט און מ׳וועט זי נישט זעהן, שפּעטער וועט ענטוועדער רעגנען, אָדער נייטט. דערנאָכדעם וועט אזוי פאוואָליע ווערען זייגער צעהן און צוועלף און איינס און אזוי ווייטער. וועט דער זעקסטער סעפּטעמבער דערזעהן, אז ס׳איז שוין צייט צו פארגעהן, וועט ער נעמען און פארגעהן — שטילערהייד, און א האָהן וועט אפילו נישט א קרעה טון.

גרייט זיך צו באגעגענען דעם זעקסטען סעפּטעמבער! פאראיינען און לאַדזישען זענען אויפגעפאָדערט איהם אנטקעגען צו געהן מיט זייערע באנערס. די זעקסטער־סעפּטעמבער פאראדע הויבט זיך אָן אויפ׳ן ערד־קוגעל, לינקס און רעכטס, נישט ווייט פון אומעטום, און זי

די זעקסטע סעפּטעמבערס, אז זיי גען אוועק — קומען זיי נישט מעהר צוריק!

אינ׳ם דאָזיגען פּרט איז דער זעקסטער סעפּטעמבער געגליכען צום פערצעהנטען יולי — דעם טאָג פון דער באסטיל.

דער זעקסטער סעפּטעמבער וועט זיך אָנהויבען אקוראט דאָנערשטאָג ביינאכט זייגער צוועלף און ער וועט זיך אוועקציהען א גאנצען טאָג — ביז אין מיטען דער נאכט אריין.

דעם זעקסטען סעפּטעמבער וועט אויפגעהן די זון, מענשען וועלען אויפשטעהן פון די געלעגערס, מאנסביל וועלען זיך צעקעמען די בערד, פרויען וועלען זיך אָנ־פּודערען די נעזער, קינדער וועלען זויגען פון דער מו־טער׳ס ברוסט, הענער וועלען קרעהען, פייגעל וועלען ארומפליהען אין דער לופט, פיש וועלען ארומשווימען אין וואסער — עס וועט זיין וואונדערבאר!

און נישט נאָר דאָס אליין:

דעם זעקסטען סעפּטעמבער וועלען געבוירען ווערען טויזענטער אבסאָלוט־פרעמדע מענשען, וואָס קיינער קאָן זיי נישט. א מאסע לייט וועלען אָפּעררירט ווערען אויפ׳ן אפּענדיק. א טייל מענשען וועלען איבערגעפאָהרען ווע־רען, אנדערע וועלען חתונה האָבען און מיליאָנען מענשען (מענער און פרויען) וועלען זיך געגענזייטיג ערקלערען, אז זיי קענען איינס אָהן דאָס אנדערע נישט לעבען.

עס וועט זיין א מערקווירדיגער טאָג — דער זעקס־טער סעפּטעמבער.

אקטיאָרען וועלען שפּיעלען טעאטער, טענצער וועלען טאנצען, פישעריוננגען וועלען כאפּען פיש, באגרעבערס וועלען באגראָבען.

עס וועט זיין א זעלטענער טאָג — איינער פון יענע טעג וואָס קערען זיך נישט אום!

שליסעלמאכער וועלען מאכען שליסלען, חופּה־מאכערס וועלען מאכען חופּות, מצבה שלעגערס וועלען

## אויף צום זעקסטען סעפּטעמבער

איך וויל דערמאָנען מיינע לעזער אָן דעם זעקסטען סעפּטעמבער.

עס זאָל זיי ניט ארויס פונ'ם קאָפּ, — ווי עס איז געוועזן דער פאַל ביז איצט.

דער זעקסטער סעפּטעמבער איז ביז איצט שרעקליך פארנאכלעסינט געוואָרען — איבערהויפּט צווישען אידען.

דאָס דארף אזוי נישט זיין!

דער זעקסטער סעפּטעמבער האָט, ליידער, נישט געהאט דאָס מזל פון א פערטען יולי, אָדער פון א פופצעהנטען שבט, אָדער פון א דריי־און־דרייסיגסטען עומר.

דער זעקסטער סעפּטעמבער דארף ווערען דאָס וואָס ער איז שוין זייט יאָררען ביי אלע מענשען וואָס זענען געזונט און שטארק און האָבען פרנסה: ער דארף ווערען א טאָג פון פרייד, פון פּאראדען, פון גרויסע דעמאָנסטראַציעס.

דער זעקסטר סעפּטעמבער — ווי אלע ווייסען — איז איינער פון די גרויסע דריי־הונדערט־פינף־און־זעכציג טעג וואָס מיר האָבען אין יאָהר און אלס אזעלכער איז ער אן אינטערנאציאָנאלער יום טוב.

יעדעס יאָהר האָט בלויז **א י י ן** זעקסטען סעפּטעמבער, און דאריבער דארפען מיר איהם **פ י י ע ר ע ן** מיט פּראכט און גלאַנץ.

# פליטערפלירט

נען אויף מיין טיש. זאָל איך זיי לעזען? — לעזען ווי מען האָט מיין היים־ערד מיט מענשען־ביינער גענמים־טיגט? ווי מ׳האָט זיך די קעפּ מיט איינענע פויסטען צעשלאָגען?

ניין. איך מוז מיין היימלאנד ראטעווען. איך, דער גרויסער העלד, וואָס קאָן א פליעג מיט א שפּילקע נישט דורכשטעכען — איך וועל דאָס גרויסע גאליציען אין מיין יונג הארץ ארייננעמען און דערמיט אנטלויפען איבער אלע פּוסטע פעלדער, איבער אלע וויסטע וועלדער.

זיי־זשע רוהיג, מיין היים און מיין שטעטעל,— איך וועל אייך פון דעם שונא׳ס הענט אָפּהיטען, מיינע געליעבטע!

יום־טוב־ליכט געפינען זיך תמיד אין די קעשענעס פון אלטער׳ס גראָהער, אָפּגעטראָגענער שיפּקע.

— כ׳זאָל נאָר האָבען גענוג ליכט! — זיפצט אלטער, און עפּעס א קליינער דאָרפס־איד מיט פּארוויאנעטע זקן־הענט, טראָגט איהם מיט שמחה אונטער א געפונען שטי־קעל ליכט, אלטער זאָל דערביי זיצען און תורה לערנען.

אליין א בעל־בתיש קינד פון א רייכען און קארגען שענקער, האָט אלטער נאָר אין זינען די אָרימע און פאר־שטויסענע. פאר אורחים־דורכוואנדערער, וואָס פאר־שלאָגען זיך אין קלויז אריין, האָט ער שטענדיג אָנגעגרייט דאָס טעפּעלע זאלץ: זאָלען זיי כאָטש האָבען אביסעל זאלץ צום ברויט — די אָרימע־לייט נעביך!

און אלטער פארזעצט די תפילין זיינע און קויפט ברויט און זאלץ פאר די הונגעריגע. ער אליין דאווענט אין פרעמדע תפילין. גאָט איז גוט — ער איז מוחל!

אליין עסט ער זעהר זעלטען, מיין חבר אלטער. זיין דינער, פלאַטערדיגער גוף איז ביי איהם א דערוויילינע זאך, בלויז אן אָרימע, שוואכע דירה, וואו די גרויסע און טיפע נשמה זאָל קענען וואו־עס־איז אָפּוואוינען איהר צייט.

און אז אלטער שטארבט, ביי זיין זעכצעהנטען יאָהר, פון אויסצעהרונג, און שמייכעלט זיין גוטע נשמה צום הימעל ארויף, געהט דאָס גאנצע שטעטעל צו דער לויה און עס כליפּעט מיט א הויך געוויין און טרערען ווייקען די ערד דורך און מאכען זי געזאלצען — ווי דאָס ברויט, וואָס אלטער האָט געטיילט צו אָרימע דורכוואנדערער.

און דער גרייזגרויער רב מיט די באַ׳צער׳טע אויגען, וועלכער קען שוין זינט חדשים נישט גערן אויף די פיס, שטעלט אונטער אן אקסעל אונטער אלטער׳ס מטה, און צוויי אידען מיט גראָהע בערד האלטען אונטער דעם רב ער זאָל נישט פאלען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיין ליולקע איז אויסגעגאנגען און די צייטונגען לי־

איהר אלע פרעמדע, ווייל איך טראָג עס ביי מיר אין הארץ.

איצטערטאָ, בעת איך שרייב דאָס, פליהט מיר א האַלב פאַרגעסען בלומען־בלעטעל אין הארץ אריין. עס איז מיין גוטער, מיין ליעבער, מיין שוין־לאנג־טויטער חבר אלטער.

---

ער איז קרייד־בלאס און הויך־אויפגעשפּראָצט, און אז ער געהט, האָט מען מורא, אַז ער וועט זיך איבערברעכען, אזוי דין איז ער, און מען קען נישט טרעפען צי אַלטער איז א זקן, צי א קינד.

די אויגען זיינע — וועלטען טיפע, גרויסע, נישט־דערגרינטליכע הענגען אין זיינע אויגען און א צער וואס גיסט זיך אריבער איבער די ברעגען און די ברעמען־שליוזען קענען עס נישט פארשטעלען.

זעה איך איהם אין דער אלטער קלויז, איינגעבויגען איבער א גרויסער גמרא און ער זינגט א נגון. א שטי־לער נגון איז עס, א באַ׳צער׳טער און אַן אייביגער און שטעכט דיר ס׳הארץ דורך ווי א הייסע נאָדעל.

אלטער איז אַן עלוי. שפּיעלט ער זיך נישט מיט קינ־דער, לאכט ער קיינמאָל נישט, נאָר ער שמייכעלט זיך ס׳הארץ ארוים מיט אזא גוט־און־פרומקייט, אז אינגלעך אין זיינע יאָהרען גיבען איהם אָפּ כבוד און רופען איהם רבי אַלטער.

און ווינטער, ווען דער פראָסט טאנצט איבער דעם שטעטעל זיין גלעזערנעם טאַנץ און אינגלעך זענען אויפ׳ן גליטש, אָדער זיי וואַרימען זיך די באקען אָן פראָסט און אָטעמען שטעכיגען פראָסט־שטויב, וואָס זינגט אין זייע־רע לונגען, — דעמאָלט געהט אַלטער ארום איבער דער קאַלטער קלויז און זוכט ליכט, ביי וועלכע ער זאָל קענען זיצען און לערנען.

און פאַרטראָפּעטע שטיקלעך ליכט, פארשטויבטע שטיקלעך וואקס פון יאָהרצייט־ליכט, שטיקלעך פון ווייסע

ווייטע גראָז־לאַנקעס און מיט די שמעקעדיגע בערג, מיט
די קליינע שטיבלעך מיט שטרויענע און גאָנטענע דעכער,
אויף וועלכע עס נידערט פראָסט און טוי און שפּריירעגען
און שניי־פּונקען.

און אויך בלומען וואקסען דאָרטען אויף אונזערע דע־
כער — צווישען שטרוי.

און ליעב האָב איך די הייזער. ליעב האָב איך דאָס
שטיל־געלע וואסער, וואָס פּלוידערט פרומע, מוטערליכע
רייד צו דער שווארצזאפּטיגער, אומעטיגער ערד און ליעב,
ליעב, ליעב אָהן א שיעור האָב איך די וואלד־סטעזשקעס
און דאָס אלטע בית־המדרש, די האָבער־פעלדער און דאָס
באָד אונזערס. ליעב האָב איך דאָס פּוילישע קלויסטער
און די קאַלטע שטיינבאַנק לעבען דעם פּארלאָג, מיין
ערשטע ליעבע און די הויכע טשערעשניעס אין די סעדער.
ליעב האָב איך די בלייכע, שטיל־טרעטענדע מענשען און
דעם שבת־פּויז פון די בעקער־געזעלען, וואָס לאָזען זיך
אויף דעם שפּאצירוועג; דעם ווארימען פריהלינג־שטויב,
און די זוניגקייט וואָס רינט פון'ם הימעל איבער אונזער
שטעטעל און מיר קינדער שעפּען עס מיט די הענט
און וואשען זיך דערמיט די פּנים'ער. ליעב האָב איך די
ראָגאטקע און די פּארביגע היטלען פון די פּויערען און
די זייפבלומען און די שטעכערס. ליעב האָב איך די
זינגענדיגע ביהגען און דעם מעהל־בלייכען רב מיט די
פארטרערטע אויגען, און ליעב, אומענדליך ליעב האָב איך
מיין גוטע מאמע, וואָס פרעגעלט רויזענסירופּ פאר אָרי־
מע קימפּעטאָרינס, און דאָס לויף־וואסער צווישען די
פעלדער, ביי וועלכען איך זיץ אין די זומער־טעג און קוק
ווי די ווערבע בלעטלעך בלאָנזשען ערגעץ אַוועק מיט'ן
שטראָם, דעם רויט־רייפען סעפּטעמבער־חודש מיט זיין
ווייס־גאָלד און זיין אומעטיגקייט, און ליעב האָב איך
דעם מאי מיט זיין ווארימער ערד אונטער די באָרוויסע
פיס.

איהר קענט נישט חרוב מאַכען מיין שעהן היימלאַנד,

# סענטימענטאַלע פייערן

ברענט ליכטיגער, ברענט בלאַזער,
מיינע בלאַסע פייערן.

מ׳וועט מיר שרייבען:
„דיין היים — נישטאָ מעהר. דיין פאָטער־שטוב איז פון שונא־האנט פארטיליגט. דיין שטעטעל אין גאליציען, וואו אויף יעדען האָפּענפעלד און אויף יעדען מארעלענ־בוימעל איז דיין חלום געהאנגען, איז אָפּגעמעקט פון גאָט׳ס ערד, און דיינע בעסטע און דיינע ליעבסטע, וואו זענען זיי, וואו זענען זיי?"

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אזוי וועט מען מיר שרייבען און טרערען־פלעקען וועלען דאָס נישט־דערזאָגטע דערזאָגען. און וואָס די טרער־רען־פלעקען וועלען נישט דערצעהלען, וועט מיין נאריש הארץ אליין טרעפען, ווייל נארישע הערצער זענען נביא׳שע הערצער.

און דעמאָלט וועל איך מיר מיין ליולקע פאררויכער־רען, אויף מיין ווינשטול זיך אוועקזעצען, צאָרניג א פליעג דער׳הרג׳ענען און זאָגען צו זיך אָהן רייד:

גרויס איז מיין הארץ — טראָגט עס אינוועניג מיין היימלאנד, מיט די ברוין־גרינע, זונפאררעגענטע פעלדער, מיט די חנ׳עווודיגע קאלינע בוימלעך, מיט די אָהן־סוף־

געבראַכט צו די איבריגע פיער חברים, וועלכע זענען גע־שטאַנען אויפ'ן זעלבען שטראָם אַ שטיקעל וועג ווייטער, ביי אַ בערגעל פארשנייטע שטיינער און געוואַרט אויף אונז.

— נו ? — זענען אונז אַלע באַפאַלען ווי נאָר זיי האָ־בען אונז דערזעהען, — צוגענומען ?

— ניש ט צוגענומען ! — האָבען מיר ביידע בייז ארויסגערעדט, און העשעלע האָט איינעם פון די חברים אַ שטאַרקען דוצקע געטון — שוין ניט ווי קיין קוה, נור ווי אַ בוהיי, ווי אַ ווילדער אויפגערעגטער בוהיי.

— וואָס וועט איצט זיין ? — האָבען אַלע געפרעגט פארצווייפעלט און נידערגעשלאָגען פון דער שרעקליכער בשורה.

— גאַרנישט וועט זיין ! — האָב איך געזאָגט, און טרערען האָבען געשטיקט מיין קול — מיר'ן מוזען אליין אויפעסען די צוקערקעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און שטיל און אומעטיג האָט אַ גרויסע, אַלטע לבנה צוגעקוקט, ווי זעקס קליינע אינגלעך פראַווען אַן אבל־סעודה און ווי גרויסע, פיינע באָנבאָנעס ווערען פאר־גאָסען מיט נאָך גרעסערע קינדערשע טרערען.

נאָהענט. איך פיהל ווי עפּעס קלינגט מיר אין האַרץ — עפּעס ווי עמיצער וואָלט דאָרט נעצויגען א גלעקעל. און די האַנט מיט'ן פּעקעלע ציטערט — אָט־אָט פאַלט עס אַרויס. און העשעל איז גאַר צוטומעלט — ער בעבעט.

ענדליך איז זי צוגעקומען.

איך און העשעל האָבען איהר צערטליך פאַרשטעלט דעם וועג.

— וואָס ווילט איהר? — האָט זי קורץ געפרעגט.

— סורטשע טייערע! — האָב איך געשטאַמעלט און אַרויסגענומען ס'פּעקעלע פון אונטער מיין זשופּיצע און עס איהר דערלאַנגט — סורטשע טייערע, אָט דאָס איז פאַר דיר. נעם צו.

און העשעל, וועלכער האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ ווי א דוצקע צו טון, האָט צוגעהאָלפען.

— נעם, סורטשעלע, נעם! ער האָט געוואָלט א דוצקע טון און זיך צוריקגעכאַפּט.

אָבער סורטשע — זי האָט נישט פאַרשטאַנען אונזער סוד, ניט פאַרשטאַנען אונזער טיפע ליעבע צו איהר, ניט פאַרשטאַנען קיין זאַך, און דאַריבער האָט זי אַזוי אומשולדיג געפרעגט:

—פאַרוואָס גיט מען דאָס?

— פאַר גאָרנישט, סורטשעלע! — האָב איך זי באַ־רוהיגט — זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי פאַר גאָרנישט. און איהר געשטופּט אין האַנט ס'פּעקעלע מיט די טייערע ליעבעס־מתנות.

— ביזט משוגע, מיינע שונאים! — האָט זי אויס־געשפּיגען און א וואָרף געטון ס'פּעקעל, און איז אַריין אין שטוב ווי א פייל פון בויגען.

שטיל, מיט אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, האָב איך אויפ־געהויבען ס'פּעקעלע פון שניי. עס אָפּגעווישט מיט א פּאָלע פון מיין נייער זשופּיצע, און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי אבלים, האָב איך און העשעלע די מתנה צוריק־

ציין אין אַ מכשפה׳ס מויל. אַמאָל פאַר׳גנב׳עט זיך דער ווינט, גיט אַ ריהר ס׳צינגעל פון אַ לייכט גלעקיל און ס׳ציטערט שטיל־שטיל. און מע ווייסט נישט צי קלינגט עס, צי ניישט. אַרום דעם דאָזיגען גלעקער־טורעם שטעהן קאַלינע־בוימער, מיט רויט־ביטערע פרוכט, וואָס זענען בלויז גוט ווען זיי זענען דורכגענומען פון פראָסט און אויסזעהן זעהען זיי אויס ווי פאַרגליווערטע טראָפּענס בלוט.

---

אונטערגעמוטיגט און מיט לעבעדיגע טריט געה איך מיט העשעלע׳׳ן איבער׳ן שטראָס. ביי מיר אונטער׳ן זשופּיצעל איז די טייערע מתנה — דאָס פּעקעלע צוקער־קעס, וואָס מיר, זעקס חברים, ברענגען מיט ציטערדיגע הערצער אַ קרבן צום גאָט פון ליעבע.

די נאכט איז פריש און קאַלט. מיר געהען און איילען זיך. ס׳איז נאָך פריה — סורטשע איז ערשט אַרויס פון איהר טאַטענ׳ס געוועלב און זי געהט אַהיים. מיר האָבען זי געזעהן — מיר האָבען געזעהן די בלאָהע סטענגע פון איהרע האָר פלאַטערען אין שיין פון גע־וועלב־פענסטער. איילען מיר זיך איהר צו פאַרלויפען דעם וועג. געהען מיר דאַריבער וואָס שנעלער, וואָס לעבעדיגער. עס סקריפּען די שטיוועלעך אין שניי, און עס סקריפּעט, דוכט זיך, אויך ערגיץ אין האַרץ. אָט זענען מיר נישט ווייט פון הויז. סורטשע איז נאָך ווייט. מיר בלייבען שטעהן אַ שטיק וועג פון שטוב. ס׳איז פינסטער. אָט דאָרט איז דער צ מ ע נ ט אַ ר ז ש מיט די שטיינערנע צלמים. און אָט ציטערט דאָס קליינע גלעקיל. אפשר ציהט עס עמיצער? ניין. ס׳איז דער ווינט. בלויז דער ווינט. און זי, וואו איז זי? אָט געהט זי. אָט קומט זי נעהנטער. אָט זעהט מען שוין די ווייסע הענטשקעס פון אונטער די אַרבעל פון דעם שוואַרצען יאַקעל. אָט איז זי נאָהענט. גאָר

נאָלדענעם שפּול, וואָס רופט זיך ק י נ ד ה י י ט — איז אפשר צופיעל פאר א מלאך מיט פליגעל אויך.

איך קען אייך נאָר זאָגען, אז אויב איהר זענט אמאָל געווען יונג און אומשולדיג און פארליעבט, דאן וועט אייך נאָך אליז זיין שווער צו באגרייפען, וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט.

עס איז געווען סוף ווינטער, אין מיטען חודש. די נעכט זענען נאָך אליז געווען קאלט און פּראָסטיג אָבער שטיל — אָהן ווינטען און אָהן ברענעניש. דער הימעל איז געווען קלאָר און דורכזיכטיג, ווי א קרישטאָ־לענער קידוש־בעכער און באוואָרפען מיט אזוי פיעל, אזוי פיעל שטערען. און די ווייסע פלאכען ערד הינ־טער'ן שטאָט, און די שפּיצען בערג, וואָס זענען געווען טאָפּעל־ווייס און פארווייסטע קוימענס פון די אָרימע שטיבלעך האָבען געקוקט צו דער גרויסער, געפרוירענער לבנה און געחידושט זיך, צי ביי איהר איז אויך אזוי קאלט, אזוי פרעמד.

אין אָט אזא נאכט בין איך מיט מיין חבר העשעל, מיט'ן פּעקעל אין מיין האנט, אוועק אויף דער גרויסער שליחות פון ליעבע.

---

סורטשע'ס עלטערען זענען פארמעגליכע מענשען. דער פאָטער — א איד א למדן און אן אָנגעזעהענער בעל־הבית, מיט א שווארץ סאמעטענעם מאשעל הינ־טער'ן ווייסען קאָלנער, האָט זיך געלאָזט בויען א הויז אביסעל ארוים פון שטאָט, לעבען דער פּוילישער שקאָלע, אביסעל אָן א זייט פון פּראָסטען עולם.

ניט ווייט פון דער שטוב, מיט דעם בלעכענעם דאך, איז דער צ מ ע נ ט א ר ז ש, פון וועלכען עס טאָרטשען ארויס די צלמים, און אביסעל ווייטער ארויפצו איז דער ריטענייסער קלויסטער מיט די גרויסע טורעם־לעכער, אין וועלכע עס הענגען די גלעקער ווי לויז־געוואָרענע

קעם! און די וואורשט — ווי א ריכטיגער קאָלבאַס זעהט זי אויס! און מילקאָ טשאָקאָלאַדע!

— אפשר וואָלטען מיר פארזוכט א שטיקעל? — האָט פאָרגעשלאָגען העשעלע.

— לאָז גאָט אָפּהיטען! — האָבען די איבריגע געענטפערט ווי אָפּגעבריהטע. דאָס מוז זיין פאר איהר, פאר סורטשע'ן.

— כאָטש איין באָנבאָנקע האָט זיך געבעטען העשעלע און גענומען דוצקען.

— אפילו ניט קיין האלבע באָנבאָנקא, אפילו ניט קיין פערטעל, אפילו נישט אזוי גרויס, אפילו נישט אזוי פיעל, — האָט אנאנדערער אָפּגעמאָסטען אויפ'ן שפּיץ פינגער.

מיט גרויס פאָרזיכט האָבען מיר צוריק פארבונדען ס'פּעקעלע, פארשנורט מיט א רויטען שנירעל און עס אוועקגעלעגט אין פּאָליש הינטער די שמות, ביז סע וועט זיך מאכען א געלעגענהייט, אז איך און העשעלע — מיר צוויי, זאָלען עס מיט אונזערע אייגענע הענט איבערגעבען צו סורטשען.

## קאַפּיטעל יב.

שווער צו באשרייבען. — דער אָנהויב פון סוף — דער סוף פון סוף — א גלעקעל וואָס קלינגט אין הארצען — סורטשע געהט — מיר גיבען איהר ס'פּעקעל — זי ווארפט אוועק ס'פּעקעל — מיר הויבען עס אויף — סוף מעשה.

באשרייבען אייך וואָס מיר האָבען איבערגעלעבט די עטליכע טעג ביז וואנעט מיר האָבען באשלאָסען איבערצוגעבען די מתנה, בין איך נישט בכח. נישט איך און נישט קיין אנדער מענש, דוכט זיך מיר, סיידען א מלאך מיט פליגעל אפשר. דערצעהלען אייך ווי אזוי מיר האָבען געפּלאָטערט און געפּלאַמט און געבענקט און געהאָפט און געשפּונען פאנטאזיעס פון דעם גרויסען

און העשעל, — מיר זענען געווען אויסגעקליבען צו באַזאָרגען דעם איינקויף—מירביידע האָבען צוערשט ארומגעקוקט זיך צו קיינער זעהט נישט. אין גרוים איילעניש און מיט פיבערענדע פינגער האָבען מיר אוועקגעלעגט דעם זילבערנעם רייניש, פון וואָס דער בעקער האָט קאָנטיג געשטוינט און נאָכדעם ווי מיר האָבען שטאמלענדיג ערקלערט אונזער פארלאנג האָט ער אונז איינגעפּאַקט א פּעקעלע מיט צוקערקעס, פארבונדען מיט א רויט שנירעל, עס אוועקגעגעבען צו מיר און געזאָגט אויף פּויליש: א דאנק מיינע פּריצים!

## קאַפּיטעל יא.

דאָס פּעקעל איז סורטשע'ס פּעקעל, מיר טאָרען דערפון נישט געניסען — מיר, איך און הערשעלע, אַלס אוואנגארדען.

האָבען מיר שוין אלזאָ א פּעקעלע מיט צוקערקעס. וואָס טוט מען איצט? אָבער איידער מיר האָבען צייט געהאַט צו טראכטען וועגען ווייטערע שריט, האָבען מיר זיך דערמאָנט, אז די איבריגע פיער פּארליעבטע חברים ווארטען אויף אונז אין קלויז און מיר דארפען זיי לאָזען וויסען, וואָס מיר האָבען אויפגעטון. און צי האָבען מיר געקויפט און וואָס מיר האָבען געקויפט.

— געקויפט? זענען אונז יענע חברים געלאָפען אקעגען.

— געקויפט!

— פאר וויפיעל?

— פאר א ריינישעל!

—עפּעס גוטע זאכען?

— מיר האָבען נישט געקוקט.

— לאָמיר אוופמאכען!

מיר האָבען אויפגעמאכט ס'פּעקעלע און ערשט איצט האָבען מיר דערזעהן וואָס פאר א גוטע זאכען די וועלט פארמאָגט. הא! סארא באָנבאָנעס! סארא קאראמעל-

שטרוי אין די מיילער און אין די פאות זיינען ארומגע־לאָפען פארשמאכט, גערעדט האלב אידיש האלב גויאיש, זיך געקריגט, געמאכט חוזק, געקליאנעט זיך און זיך גע־פאטשט אין די הענט מיט פרעמדע גוים אין רויטליכע סערמיאגעס און אויפגעשטעלטע היטלען.

ערגיץ לעבען די שטעלען פון געבעקס איז געזעסען א קאליקע א בעטלער און געדרעהט אויף דער ל י א ר ע, (א מין הילצערען אינסטרומענטעל, מיט א הענטעל צו דרעהען) און געזונגען א הארץ־רייסענדען געזאנג. ווייטער א ביסעל ארויפצו איז געשטאנען לעבען א געוועלבעל א איד מיט א יארמולקע, מיט אן ארשין אין האנט און געזידעלט א גוי און געשריען אז ער איז נישט קיין גאָספאָדין, פון וואָס דער גוי האָט זיך שטארק באליידיגט און געשריען אז ער איז דוקא א פאן. א סימן אז ער האָט א פולע קעשענע מיט גרייצערס.

אויף אן אנדער פלאץ איז געשטאנען א פוהר, אויף וועלכער ס׳איז געווען פון אלע זייטען צוגעטשעפעט שטיוועלעך מיט רויטע כאָליעווקעס און גלאנציגע פאָ־דעשוועס און פארשיעדענפארביגע אויערלעך, אהן א שיעור שטיוועלעך און שטיוועל, און אויף דער פוהר איז געשטאנען א רויטער איד — אויך א לעדערנער האָט זיך אויסגעדרוכט — און געשריען: העי, טשויעטע כאריט סודא! קומע! העי!

ערגיץ וואו האָט שפאצירט א פאָסטען־פיהרער מיט א היטעל מיט פעדערען, ברוגז׳לעך געקוקט אויף דעם עולם און דאָס שווארצע רימענדעל האָט געגלאנצט פול מיט חן און זעלנערשען שטאָלץ.

און אָט דאָרט איז דער צוקער־בעקער, דאָס גלוסטונג פון אונזער הארץ, די האָפנונג אויף אונזער גליק. אויף א לאנגען טיש, אויף וועלכען עס איז אויפגעשפרייט א געל פאפיער, ליגען לעקעכלעך, האָניג־פריצים׳לעך, צוקער פייפלעך, צוקער וואורשטלעך, שאָקאָלאדע, באָנ־באָנעס, קארמעלקעס און אנדערע טייערע זאכען. איך

מיר וועלען דערוויילן אָפּשפּאָרען געלד. יעדער וויפיעל ער קאָן. א ביסעל פון די גרייצערס וואָס די מאמעס גיבען אויף חדר־סעודות, א ביסעל פון נאשערייען און אז דער בעקער וועט קומען וועלען מיר קויפען א פעקעלע צוקער־קעס — פון די פריצישע און עס אָפּשיקען צו א י ה ם, וועט ער פארשטעהן וואָס מען מיינט.

לאנג זענען געגאנגען די פינף וואָכען, אוי, ווי לאנג! און מיר, זעקס פארליעבטע, האָבען דערוויילן געשפּארט. פון אלץ געשפּאָרט — פון נויטיגסטען, פון נאשערייען, ביז וואנעט מיר האָבען געהאט צונויפגעשפּארט א רייניש. דעם דאָזיגען רייניש האָבען מיר באהאלטען אין פּאָליש פון שוהל, העט אונטען, און געוואַרט אויף דעם יריד, אויף דעם צוקער־בעקער און אויף דער לעזונג פון דעם גרויסען רעטעניש וואָס דאָט זיך גערופען סורטשע. דאן האָבען זיך פארזאמעלט אלע זעקס ליעבהאָבער און געפרעגט: מי ומי ההולכים? ווער זאָלען זיין די געהערס און די קויפערס? און וועמען זאל מען געטרויען דאָס געלד? און ס'איז באשלאָסען געוואָרען אז אזוי ווי איך און העשעלע זענען געווען די ערשטע צו שפּיעלען ליעבע, בכן זענען מיר אויסגעוועהלט.

## קאפּיטעל י.

**יריד אין שטעדטעל — דער זיסער איד וואָס נעמט ביי אונז צו א ריינישעל — מיר קויפען און באהאלטען.**

דער יריד האָט זיך געשטעלט. שוין גאנץ אין דער פריה האָט מען געהערט ס'מרוקען פון חזרים, ס'מוהוקען פון קעלבלעך און דאָס סקריפּען פון שליטענס. דאן האָט דער רעש גענומען וואקסען, זיך אויסגעשפּרייט איבער'ן שטעטעל, פארכאפּט די ברעגעס פון די בערג — העט ביז דער טאָרגאָוויצע פון בהמות — און ארויסגעשלאָגען ס'שטעטעל פון אָרט.

א גאנץ שטעטעל האָט זיך באוואויגען.

אין מארק איז געווען פרעהליך, ראַשיג. אידען מיט

קעשענע, שניידט קליינע רעפטעלעך, שטעקט זיי ארויף אויפ׳ן שפיץ קלינגעל, באשיט זיי געשמאק מיט זאלץ און ווארפט זיי קונציג אין שווארצען, גרויסען מויל אריין וואָס איז פארדעקט מיט באָרד. רעדען רעדט ער ווענינ, נאָר אז א איינגעל פרעגט איהם וואָס קאָסט דאָס? ענטפערט ער: פופצעהן נייעם גראהצערס — דאָס הייסט פופצעהן נייע גרייצערס, אָדער צעהן נייע גריי־צערס, ווערליג דעם מקח, און טרייבט אוועק מיט א פרוטקעלע, וואָס ער האלט שטענדיג לעבען זיך, כדי זיך איינצושפּאָרען רייד.

ביי דעם דאָזיגען פאקען־טרעגער, האָבען מיר, ווען ער איז ענדליך געקומען אין שטעדטעל אריין איינגעהאנ־דעלט דאָס ראָמאן־ביכעל „זשעליאבא“, פאר צעהן גרייצער און מיר האָבען נאָכגעקוקט, שטארק נאָכ־געקוקט. געלעזען עס עטליכע מאָל, געזיפצט מיט דער עלענדער יאדוויגא, וועלכע איז נעביך געווען אן אונ־גליקליכע גרעפין. געוויינט מיט טרערען בעת דער העלד האָט זי אוועקגעוואָרפען, אָבער קיין ענטפער אויף אונ־זער פראגע האָט דאָס נישט געגעבען. די איינציגע עהנליכקייט צווישען אונזער סורטשען און דער אונ־גליקליכער גרעפין יאדוויגא איז געווען וואָס ביידע האָ־בען געטראָגען העניטשקעס. מעהר גאָרנישט. טו וואָס־זשע קאָן מען לערנען דערפון?

אָבער מיר האָבען זיך דאָך דערטראכט צו א פּלאן, ווי איהר וועט זעהן אין קינפטיגען קאפיטעל.

## קאפיטעל ט:

**דער גרויסער פּלאן — געצוקערטע קאָמפּלימענטען אין א פעקעל — מי ומי ההולכים?**

דער פּלאן, וועלכער איז געווען א פשוט׳ער פּלאן, איז געבוירען געוואָרען אין דעם געהירען פון אונזער בא־ליעבטען העשעלען און באשטאנען איז ער אין אָט וואָס: אין פינף וואָכען ארום וועט זיין א יריד אין שטעדטעל וועט קומען צופאָהרען דער צוקערניק, דער לעקיך־בעקער.

מיין דמיון — גרעסער, לויטערער, בריליאנטענער. יעדען ליעבען טאָג פלעגען מיר זיך צונויפקומען אויף דעם זעלבען, פאר אונז היילינען פלאץ, הינטער דער ספרים־שראנק און זיך אפגעבען באריכטען וועגען סורטשען. העשעלע האָט זי גערזעהען געהן מיט דער מאמען. מוישעל האָט זי באגעגענט אויף דער פּאָטשט — מיט די העניטשקעס, און פייוועל האָט זי געזעהען געהענדיג צום בעקער נאָך פ א ר ק ע ס — פריצישע זעמעל הייסט עס און אזוי כסדר. יעדען טאָג. יעדען טאָג. אָבער די אלע נעשיכטען האָבען גענומען אויסשעפּען זייער פארביגקייט, זייער חן. קיין נייעס איז נישט געווען. יעדען טאָג דיזעלבע קליינע אסיפה. יעדע נאכט א שפּאציער אויפ'ן שטראָם מיט וויסער בלאָטע לעבען איהר הויז און צוריק אהיים. וואָס וועט זיין דער תכלית? הייסט דאָס דען געשפּיעלט א ליעבע? אדרבא, לאָז מען קויפען א ראָמאן־ביכעל און זעהן.

אזוי איז טאקי געבליבען: קויפען א ראָמאן־ביכעל און נאָכקוקען.

## קאפּיטעל ח.

דער איד מיט'ן קניפּיקעל — יאַדוויגאַ, אַ העלדין וואָס
טראָגט העניטשקעס און איז צו אלדי גוטע יאָהר
א גרעפין — צו קאָן מען זי פארגלייכען
צו אונזער סורטשע'ן?

דער פ א ק ע ן־ט ר ע ג ע ר רופט זיך ביי אונז דער איד מיט'ן פאק מעשה־ביכלעך, תחונות, בענטשערליך, און אנדערע ספרימלעך. דער איד קומט צו אונז אין שטעטעל פון צייט צו צייט. פאלט אראָפּ פון ערגעץ ווי א שניי אזא קאלטער א ברוגז'ער, פארקלייבט ער זיך גלייך אויף א לאנגען טיש, נעמט ארויס פון א קליינעם פעקעל א שווארץ ברויט און א רויט קניפּיקעל פון

די ציצית פון די לייבצידעקלעך און מיט קלאפּענדינגע הערצער, ווי גרויסע פאַרברעכער, און מיט דעם באַוואוסטזיין אַז מיר באַגעהן אַ גרויסע עבירה, האָבען מיר אַלע געשוואָרען ביי ציצית אַז מיר שפּילען אַ ליעבע מיט סורטשען, אונזער סורטשען. און כדי צו מאַכען אַז די זאַך זאָל נישט אַרויס אין דער עפענטליכקייט, האָבען מיר אויף אונזער קליינער אסיפה וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אויף דער גרויסער אסיפה באַשלאָסען צו רעדען נישט וועגען איהר, נישט וועגען אַ זי, וואָס דאָס קאָן וואַרפען אַ חשד אויף אונזער נאָמען אַלס עהרליכע אינגלעך, וואָס פאָלגען טאַטע־מאַמע, נאָר ווי וועגען אַן ער. און כדי נאָך מעהר צו באַפעסטיגען אונזער בונד, האָבען מיר אויך באַשלאָסען, אַז יעדער פון אונז זאָל מיט אַ שטיקעל קרייד אָנשרייבען אויף דער לינקער זייט פון וואַנט פון ספרים־אַלמער אַן אות פון זיין — דאָס הייסט פון איהר — נאָמען. זעקס אותיות, זעקס אינגלעך, זעקס פאַרליעבטע האָבען מיר מיט גרויס עהרפורכט און מיט ציטערדיגע הערצער ווי מיר וואָלטען באַגאַנגען די גרעסטע עבירה, אויפגעשריבען דעם נאָמען ס־ו־ר־ט־ש־ע, אויף דער וואַנט, צוריק אָפּגעווישט און אהיים געגאַנגען חלום׳ען חלומות.

## קאַפּיטעל ז.

ז׳ געהט נאָך פאַרקעס — עס ווערט אומעטיג — מיר באַשליסען נעמען אַ קורס — אַ מעשה ביכעל אָבער ס׳העלפט נישט.

ווי אַזוי מיר זאָלען זיך דערנעהנטערען צו איהם איז געוואָרען אַ פראַגע, וואָס איז אונז כסדר געשטאַנען פאַר די אויגען. סורטשע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען שעהנער, ליעבער, חשוב׳ער. ווי אַ לבנה וואָס געהט אויף אַלץ העכער אין הימעל, איז זי אויפגעגאַנגען אין

## קאפיטעל ז.

פרישע נעכט און יונגע אינגלעך. אַ גרויסע אסיפה און דאָס
קליינע אסיפה'לע. מיר שליסען אַן אליאנץ אין
ליעבע און שווערען ביי ציצית. דער
שרעקליכער סוד פאר'חתמה'ט, און
אָנגעשריבען — מיט קרייד
און דאַן — אָפּגעווישט
מיט די אַרבעל.

ס'האָבען אָנגעהויבען שטעלען־זיך שטארקע זאווערו־כעס. אויף די שטרוידעכער פון די הייזלעך זענען געלע־גען שווערע דעקען פון שניי, וואָס האָבען בייטאג גע־פלימערט געגען דער קאלטער ווינטערזון, און ביינאכט געפינקעלט געגען הימעל, ווי עפּעס רעכטס. דאָס גאנצע שטעטעל איז זיך ווי פארקראָכען אין א נאָרע. איז א מענש געגאנגען, האָט מען בלויז דאָס סקריפּען פון זיינע טריט געהערט און איהם אליין האָט מען עפּעס אָנגע־קוקט ווי א פארבלאָנזשעטען. א פרעמדער מענש מיט א גרויסען שאליעק ארום האלז, ארום מויל, בלאָנ־זשעט, דאכט זיך, וועלט־איין וועלט־אויס.

אלעס איז געווען וויס און פריש און בליץ ריין — אזוי ווי אונזערע הערצער. די הערצער פון זעקס נארי־שע אינגלעך, וואָס ליעבען בשותפות א סורטשע'ן.

איינמאָל אין אזא נאכט, ווען אין קלויז איז געווען עפּיס א גרויסע טומעלטיגע אסיפה וועגען קהלישע ענינים — דוכט זיך, ראָלץ פאר אָרימע לייט, — זענען מיר זעקס חדר אינגלעך זיך צונויפגעקומען ערגיץ הינ־טער דער גרויסער ספרים־שראנק פון קלויז, זיך אוועק־געזעצט אויף אליהו־הנביא'ס כסא, וועלכע איז געשטאנען ליידיג, און דאנעבען אויפגעמאכט די גלאָז־טיר פון גרויסען אלמער, דערמיט זיך א ביסעל צו פארשטעלען פאר דעם עולם, און דאָרטען האָבען מיר ארויסגענומען

פרישע, ווילדע, ווייסע נעכט אין א פארוואָרפען שטע־טעל, צווישען ווייסע קאלך־בערג.

דער סוד פון מיין ליעבע־שפּיעלען איז דערוויייל — דורך העשעלע'ן — אריבערגערונען צו די איבריגע חברים און דאָס האָט אונז ענגער פארבונדען איינס מיט ס'אנדערע. ביסלעכווייז ביסלעכווייז האָבען מיר זיך אלע אויסדערצעהלט אונזערע הערצער און ס'איז צווישען אונז באשלאָסען געוואָרען, אז מיר זאָלען שפּיעלען די ליעבע בשותפות, אלע אנאיינעם, וועט זיין זיכערער, אז קיינער וועט נישט אויסזאָגען, קיינער וועט נישט דערצעהלען.

אָבער וואָס זענען אונזערע פּלענער? ווי ווייט געהט אונזער ליעבע? ווי אזוי ליעבען מיר? און וואָס פאר א פאָרמען זאָל אונזער ליעבע אָננעמען? דאָס האָבען מיר נישט געוואוסט און אויך נישט גע'דאגה'ט וועגען דעם. פאר אונז איז געווען גענוג, אז מיר שפּיעלען א שטילע ליעבע מיט סורטשע'ן אלע אינאיינעם, חברותא, און מיר ריידען פון א י ה ר, און מיר קלערען וועגען א י ה ר און חלומ'ען ווילדע חלומות וועגען א י ה ר און ס'איז אונז גוט ווי די וועלט.

אזוי זענען אוועק א 3 ביז 4 וואָכען. דורך דער צייט פלעגען מיר יעדער באזונדער און אלע צוזאמען זיך דרע־הען ביי נאכט פארביי די פענסטער פון סורטשע'ס שטוב. געהערט ווי ס'מיאוקעט די קאַץ — סורטשע'ס קאַץ, און געווען גליקליך. געהערט ווי ס'רוישט א בוימעל אין גערטעל — סורטשע'ס פלוימען־בוימעל, און געווען גליק־ליך. געזעהן ווי ס'פאלט א שטערען פון הימעל איבער סורטשע'ס שטוב — סורטשע'ס שטערען, און געוואָרען אומעטיג. און אזוי האָבען מיר געפיבערט און איבער־געפיבערט פארשידענע געפיהלען, וואָס זענען געווען פרעמד און דערשרעקענד, ווי די ווייסע נעכט אויף די קאלך־בערג, און נישט געוואוסט מיט וואָס וועט זיך עס אָנהויבען, מיט וואָס וועט זיך עס ענדיגען.

ווי א קוה און דערמיט זענען אונזערע באציהונגען, אזוי צו זאָגען, אויסגעגלייכט געוואָרען.

און אָט דעם דאָזיגען העשעלע'ן האָב איך איינמאָל אין א שעהנעם ביינאכט, בעת מיר זענען אומגעגאנגען ביים וואסערעל און געזוכט פּרוטקעס אויף פּייפּעלעך, פאַרטרויעט דעם סוד. דעם שווערען, דעם ביטערען, דעם אומערטרעגליכען סוד פון מיין נשמה, אז איך שפּיעל א ליעבע מיט סורטשע'ן.

העשעלע האָט מיך פיין אויסגעהערט, א מרוקע געטון פון פרייד, געגעבען א דוצק מיט'ן קאָפּ סתם אין דער וועלט אריין און זיך אָפּגערופען, אז... אז וואָס מיינט איהר? אז ער איז צו איהר אליין אויך נישט גלייכגילטיג. און אז ער וועט גרויס ווערען, וועט ער מיט איהר שפּיעלען א ליעבע. נאָך מעהר, נישט נאָר ער אליין, נאָר אלע אינגלעך פון ר' חיים שעכטער'ס חדר ווילען מיט איהר שפּיעלען א ליעבע — א ל ע.

דערהערט די רייד איז מיר געוואָרען עפּעס אי אומעטיג, אי פרעהליך און נישט וויסענדיג וואָס צו טון, האָב איך זיך אויך צעמרוקעט ווי א קוה און אויך א רוצקע געטון מיט'ן קאָפּ. סתם אזוי.

## קאַפּיטעל ה.

**זענען מיר פארליעבט? אויב יאָ, ווי אַזוי? סורטשע'ס פלוימען־בוימעל. מיר היטען איהר די נשמה און — ס'איז ביטער**

דער ווינטער איז אָנגעקומען און מיט איהם די ווייסע נעכט. און מיט זיי די לאַנטערנעס און דאָס אהיים־געהן פון חדר און דאָס זינגען האָפּ־האָפּ א גוטע נאכט און דאָס שליטלען זיך, און דאָס גליטשען זיך, און דער חשק צו טון עפּעס ווילדעס, משוגענעס, פאנטאסטישעס, וואָס כאַפּט ארום געזונטע, קרעפטיגע אינגלעך אין די לאַנגע,

חדשים טאָג איין און טאָג אויס, און נישט באמערקענדיג קיין שום ענדערונג אין סורטשע׳ס באציהונגען צו מיר, האָב איך באשלאָסען, אז פון קלינגען אין שקאָלע אריין וועט גאָר נישט זיין און אז מען דארף זוכען בעסערע פּאָרטלען, ווי אזוי צו דערגרייכען סורטשע׳ס הארץ.

## קאַפּיטעל ד.

**העשעלע אַ אינגעל וואָס דוצקעט זיך ווי אַ קוה. העשעלע מאַכט פייפעלעך און איך — מאך אַן ערקלערונג. זעקס אינגלעך און איין מיידעל. פּלאַטאָנישע ליעבעס און פּלאַטאָנישע שמועסען. איך דוצקע זיך אויך.**

צווישען די זעקס תלמידים ביי ר׳ חיים שוחט אין חדר, איז געווען איינער מיט׳ן נאָמען העשעלע. העשעלע איז געווען א יאָדערעוודיג אינגעל, א קליינס און א ריהרעוודיגס ווי א וועוויקעל און האָט געהאט א טבע צו דוצקען זיך מיט׳ן קאָפּ ווי א קוה. א חוץ דעם איז ער געווען א מזיק א יונג. וואו מען האָט איהם נישט געזעעט איז ער אויסגעוואקסען און וואו ער איז אויסגעוואקסען, האָט מען איהם געשניטען — געגעבען קלעפּ הייסט עס. וואָרים שלאָגען העשעלע׳ן איז באטראכט געוואָרען כמעט ווי א מצוה. כאָטש גאָט ווייסט דעם אמת, אז דער דאָזיגער העשעלע איז נעבעך געווען א גאנץ וואויל אינגעל און א גרויסער מייסטער אויף צו מאַכען גרינגע פייפעלעך פון ווערבענע צווייגלעך. איך מיט העשעלען זענען גוט באפריינדעט געווען. דאָס וואָס ער האָט זיך געדוצקעט האָט מיך נאטירליך פארדראָסען, נישט אזוי ווייל ס׳האָט וועה געטון, נאָר מעהר דערפאר, וואָס ס׳איז נישט שעהן פאר א גמרא אינגעל. סע פּאסט נישט. אָבער שפּעטער האָב איך זיך דערצו צוגעוואוינט און גענומען צוריקדוצקען. אויך מיט׳ן קאָפּ און אויך

האָב זיך טאקע אין איהר פארליעבט. שווער פאר־ליעבט. שטערבליך פארליעבט. אומשטערבליך פאר־ליעבט. מיין גאנצע נשמה איז געוואָרען א שטיק גלי־הענדיג פייער, און דאָס דאָזיגע פייער האָט געברענט און געברענט, ווי דער דאָרען־בוים אין דער מדבר און איז נישט פארברענט געוואָרען. טאָג און נאכט, אין שול, ווי אין חדר, אין דער היים און אין קלויז, פלעג איך נאָר טראכטען פון סורטשען און פון סורטשע'ס העניטש־קעס.

די שול?

דאָס איז געווען די פוילישע שקאָלע נישט ווייט טאקע פון סורטשע'ס וואוינונג. אזוי גיך ווי מיר איז קלאָר געוואָרען, אז אָהן סורטשע'ן קאָן איך נישט לע־בען, איז מיין וועלט נישט קיין וועלט — האָב איך אָנגעהויבען פלייסיגער געהן אין שקאָלע אריין. פאר־בייגעהענדיג סורטשע'ס הויז, פלעג איך זיך אָפּשטעלען אויף א רגע, א קוק טון אויף סורטשע'ס פענסטער און אנטלויפען, מיט א פול הארץ מיט פרייד.

שפעטער אביסעל האָב איך געבעטען מיין שול־לערער, אז ער זאָל מיך לאָזען קומען יעדען פריהמאָרגען ציהען ס'גלעקעל „דאָ שקאָלע" — קלינגען, הייסט עס. דער טעם דערפון איז געווען, אז טאָמער וועט סורטשע אָנקומען און מיך זעהן ווי איך שטעה אזוי פארטאָג איי־נער אליין און ציה דאָס שטריקעל פון שול־גלאָק, וועט זי מוזען אנערקענען אז איך בין נישט קיין פשוט אינגעל און אז אזעלכע אינגלעך דארף מען אָפּגעבען כבוד. דארף מען רעספעקטירען. דארף מען זעהן צו געווינען פאר זיך.

אָבער אומזיסט איז געווען מיין האָפנונג. ווי ביי אלע אומגליקליכע פארליעבטע זענען ס'רוב פון מיינע פלענער צערונען געוואָרען ווי שניי אויף דער הייסער זון. און אָפּציהענדיג אזוי ס'גלעקעל א משך פון צוויי

אָבער טראָץ דעם וואָס אונזער רבי ר׳ חיים איז געווען א בייזער, האָבען מיר איהם פונדעסטוועגען ליעב געהאט און געווען שטאָלץ אויף איהם. ליעב געהאט דערפאר, וואָס מען פלעגט איהם אָפט אוועקרופען פון שטוב ערגיץ צו שחט׳ן א שטיקעל, אָדער גאָר אין דאָרף אריין אויף א טאָג־צוויי, (דאָס לעצטע האָט נאטירליך נישט זעהר אָפט פאסירט) און שטאָלץ געווען דערפאר, ווייל ר׳ חיים איז געווען באקאנט אלס דער בעסטער מלמד אין שטעטעל. און דער גרעסטער היצעל. מיט דעם לעצ־טען האָבען מיר זיך געגרויסט, ווי אמת׳ע שטילע מאר־טירער.

## קאַפּיטעל ג.

איך בין פארליעבט. א מיידעל מיט העניטשקעס. איז זי שעהן? קלינגען אויפ׳ן גלעקעל — א סגולה צו ליעבע. און אפשר נישט? וואָס טוט מען?

האָב איך זיך פארליעבט אין סורטשען.

ווער איז געווען סורטשע?

די סורטשע, אָדער שרה׳לע, איז געווען א מיידעלע פון א יאָהר 14, מיט הויכע קנאפעל אויף די שיך, א בלאָ־הע סטעננגע אין די האָר און האָט געטראָגען הע־ניטשקעס, סיי ווינטער, סיי זומער.

איז זי געווען שעהן? דאָס האָב איך באשטימט נישט געקענט זאָגען. וואָס הייסט שעהן? שעהן הייסט, אז מ׳האָט א ווייס פריציש פנים, ווי דעם פּאָסעסאָר׳ס טאָכטער. זי האָט אָבער דוקא נישט געהאט קיין ווייס פנים, נאָר א רויטס, א קיילעכדיגס, א פולס, — האָב איך נישט געוואוסט צי איז זי א שעהנע.

נאָר שעהן, צי נישט שעהן, העניטשקעס האָט זי גע־טראָגען. ווייסע פריצישע העניטשקעס—און דאָס איז גע־ווען גענוג איך זאָל זיך אין איהר פארליעבען, און איך

און אין גאנצען בין איך אלט געווען נישט מעהר ווי צוועלף יונגע יאָהר.

איז אוועק דער זומער. אויסגעבענקט א זומער!

צו ווינטער האָט מיך די מאמע אָפּגעגעבען צו ר' חיים שוחט אין חדר אריין — אין א גרויסען חדר, צווישען גרויסע אינגלעך, ווי איך אליין בין געווען. און געלערענט האָבען מיר, ווי אזוי אָנצובלאָזען א קעלבעל א געשאָכטענס, ווי אזוי אָפּצוציהען א חלף, ווי אזוי צו עסען געטריקענטע בארען, וואָס די רבי'צין האָט דאָס באַהאַלטען אין א טאָפּ אויפ'ן בוידעם. אַלעס, אַלעס האָבען מיר געלערענט, א חוץ דעם „שיר". א חוץ דעם „לאמר" און א חוץ די עטליכע שטיקלעך „ש"ך", מיט וועלכע דער רבי האָט אונז געפּילעוועט און אין אונז געשטופּט כמעט מיט גוואלד.

חיים שוחט איז געווען א נידריג אידעל, אין א געבלימטען כאלאט, מיט א בערדעל וואָס איז אראָפּגעוואקסען פון די וואָנצעס, און געלאָזען די שפּיץ מאָרדע כמעט ווי אויסגעגאָלט. און א בייזער — זאָל גאָט שומר ומציל זיין. איז ער אריין אין כעס האָט ער געהאט א פאָרטעל צו געבען א פּאטש מיט א קניפּ צוזאמען, אָדער צו געבען א בריק הינטער'ן טיש און דיר טרעפען מיט'ן פּוס גלייך אין הארץ אריין (א גליק וואָס איך האָב נישט געהאט קיין הארץ!), אָדער אז נישט האָט ער דיר דערלאנגט איבער'ן קאָפּ מיט א שאכטעל פון חלפים.

זיין כעס, זיין שלעכטקייט, ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, איז געקומען ניט אזוי פון א שלעכטער נאטור ווי פון א שלעכטער פּארדייאונג. א ראיה האָב איך געהאָט, אז ער פלעגט אַלע מאָל טרינקען וואסער פון ווארים־באָד שפּרודעל. איז געווען אזוי: האָט ער געהאט שפּרודעל־וואסער צו טרינקען איז געווען מיט חסד, איז אָבער אויסגעגאנגען דאָס וואסער פון די פלעשער איז מען ניט געווען זיכער מיט'ן לעבען.

## קאפיטעל ב.

מיין טאטע פאָהרט אַוועק. איך געה אין חדר אַריין און לערען זיך אָנבלאָזען א קעלביל. ר׳ חיים שעכטער — אַ איד וואָס טרינקט מינעראל־וואסער און שלאָגט די תלמידים. דער טאָפּעל־פּאַטש — ר׳ חיים׳ס ערפינדונג.

מיין טאטע איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקא און מיין מאמע האָט איהם באוויינט. און איך? פארשטעהט זיך איך האָב אויך געוויינט. און נאָך העכער פון דער מאמען און אויף א קרעפטיגערען קול. דעם גאנצען שבת־צו־נאכט, פאר זיין אָפּפאָהרען, האָבען מיר גע־וויינט — איך און מיין ליעבע מאמע. און דאן האָבען מיר איהם, אינאיינעם מיט א מאסע אידען און אידענעס, ארויסבאגלייט ביז דער ראָגאטקע. און דאן איז דער טאטע אַוועק און מיין הארץ איז געוואָרען אזוי שווער. ניין, נישט שווער, נאָר לייכט. גרינג ווי א פעדער. עפּעס האָט מען פון דאָרטען ארויסגעריסען, אזוי פלינק ארויס־געריסען, און איך בין ארומגעגאנגען א אינגעל אָהן א הארץ.

האָט איהר שוין געזעהן א אינגעל אָהן א הארץ?

פון דעמאָלט אָן פלעג איך זיצען מיט דער מאמען אויף דעם שאָטענדיגען בערגעל הינטער דער פּראָפּינאציע, קוקען אויפ׳ן גרויסען ליידיגען הימעל און בענקען.

ניט ס׳הארץ האָט געבענקט, נאָר — איך וויים אליין נישט וואָס.

אז איך פלעג ווערען מיעד פון זיצען און קוקען אויף דעם ליידיגען ווייטען הימעל, פלעג איך זיך אויסקערען מיט׳ן פנים צו דר׳ערד, צופּען די פעלד־צאצקעס וואָס האָבען געוואקסען אויפ׳ן בערגעל — געצופּט די ווייסע פעדערלעך פון דעם געלען קנאָפּ, געצעהלט: איינס, צוויי, דריי, הונדערט און — געבענקט.

ל י נ ט, קען מען דאָס זאָגען אויף מיין שטעטעל. עס ל י נ ט און ריהרט זיך נישט. עס ליגט און באוועגט זיך נישט. עס ליגט, און אזוי, ליגענדיגערהייד, שלאָפט עס אָפּ די יאָהרען צווישען הויכע בערג פון ווייס־לייהם, וואָס נעמען עס ארום פון אלע זייטען, ווי ווייסע הענט פון א קראנקען גאָט.

ווייס זענען די בערג, ווייס איז די בלאָטע און אויך די מענשען ביי אונז אין שטעטעל זענען אזעלכע ווייסע, צעשראָקענע.

דאָס נעמליכע וואסעריל, וואָס רופט זיך ריקע, האָט נאָך צו אלע מעלות א טבע, אז סע צעשפּיעלט זיך פון צייט צו צייט — בפרט אָנהויב פריהלינג ווען עס הויבט אָן צו שמעלצען און ס'נעמט לויפען איבער די בערג, ווי פון געעפענטע אָדערען. דאן צעשפּיעלט זיך די ריקע און הויבט אָן זידען, קאָכען, רוישען, שטורמען און זי ווערט טיף אָהן א שיעור — אזוי טיף, אז מען קען שוין זאָגאר שווימען אויפ'ן בויך.

אָט דאָס איז אַ קורצע באַשרייבונג פון מיין שטעטעל, וואָס ליגט צווישען די קאלך־בערג, און שלאָפט און חלומ'ט — דעם חלום פון ברויט מיט פּוטער, פון קאווע מיט סמעטענע און אנדערע הבל'דיגע זאכען, וואָס זענען גוט פאר קליינשטעטעלדיגע, און גאָרנישט שלעכט פאר גרויס־שטאָטישע מענשען.

א חוץ די ווייסע בערג פארמאָגט נאָך אונזער שטעטעל עפּעס וואָס אנדערע שטעטלעך פארמאָגען דאָס נישט — דהינו: די האָפּענפעלדער. גאָט אלמעכטיגער, גאָט געטרייער! ווי קיצעלט נאָך מיינע נאָז־לעבער אין ד ע ם מאָמענט דער דופט פון די האָפּען, געמיישט מיט'ן ריח פון פרישען קאלך און שווארץ־ווייסע ערד און פון יונגע ווערבע־בוימלעך און הושענות און קאלינעס.

שעהן, ליעב, בלאָטיג שטעטעל אין גאליציען.

דאָרט שטעהן א שיקסע אויף דער קלאָטקע, וואָס פּראַ־לעט וועש מיט א הילצערנעם פּראלניק, און אמאָל זעהט מען א אידיש מיידעל מיט א פענסטער וואָס זי האָט אראָפּגענומען פון די זאַוויעסעס און האָט עס אוועקגע־טראָגען צום וואסער אויסוואשען.

דערדאָזיגער פּאס וואסער — ער רופט זיך אין אונ־זערע מקומות ר י ק ע — ווערט ביים ערשטען פרעסטעל אויסגעפרוירען, אז מ'וויסט נישט וואו עס איז אהינ־געקומען. דאָס דאָזיגע וואסער'ל איז אזוי נישט טיף, אז שווימען אויפ'ן בויך איז אונמעגליך — אפילו פאר קינדער. דערפאר טרעפט איהר ביי אונז אין שטעטעל א סך אידען, וואָס קענען נאָר שווימען נ א ז ע נ ד י ג — אויפ'ן רוקען, הייסט עס, און ווען איהר זאָלט חלילה צוגעהן צו זיי בעת זיי שווימען אזוי אין דער ר י ק ע צווישען צוויי גערטנער און זיי איבערקערען מיט'ן פּנים אראָפּ וואָלט חלילה געשעהן ס'גרעסטע אומגליק.

עס איז א קליין, בלאָטיג, אומעטיג, דערשראָקען, אָפּגעלאָזען און הארציג שטעטעלע. זאָל דארויף קומען א ברכה פון גאָט אום זומער, און א קללה פון גאָט אום ווינטער. פארוואָס א קללה אום ווינטער? דערפאר ווייל ווינטער האָט זיך אָנגעהויבען מיין, אָדער ריכטיגער גע־זאָגט, אונזער ערשטער ראָמאן, וואָרים אין מיין ערשטען ראָמאן, ווי אייך וועט אי"ה אביסעל שפּעטער באקאנט ווערען, בין איך חלילה נישט געווען קיין „עלענדער פאר־ליעבטער". וואָס־וואָס, אָבער עלענד בין איך נישט גע־ווען. אדרבא. צוזאמען מיט מיר, האָבען זיך אין מיין ערשטען ראָמאן, מיט מיין וויסען, באטייליגט א 6—5 פלאטאָנישע ליעבהאָבער, אלע מיט קליינע זשופּיצלעך, אָדער בורנוסלעך, קיילעכדיגע היטעלעך, און געקרייזעלטע פּאה'לעך, ווי פלעשעלעך.

אָבער לאָמיר צוריקגעהן צום שטעטעל. אויב מען קען מיט אן א מ ת ' ע ן זאָגען אויף א שטעטעל, אז עס

אינגעל און פון א מיידעל און פון א ליעבע, וואָס איז געשפּיעלט געוואָרען ערגיין אין גאליציען אין א פאר־וואָרפען שטעטעל, וואָס ווענינ מענשען קענען עס און ווענינ מענשען ווייסען עס.

## קאַפּיטעל א.

א שטעדטעל, וואָס פע מעג דארויף קומען א ברכה פון גאָט.
זעקס יונגע פלאטאָנישע ליעבהאָבער. ווייסע בלאָטעס
און ווייסע מענשען. א וואסערעל וואָס צע־
שפּיעלט זיך און אידען וואָס
שווימען נאָזענדיג. פעלדער
און אנדערע שעהנע
זאכען.

דאָס שטעטעל, וואו עס האָט אמאָל באדארפט שטעהן מיין וויעג און ס'איז אנשטאָט דעם געשטאנען א קליין קיבעריל, דערפאר ווייל מיין מאמע האָט זיך נישט גע־קענט פארגינען אזא לוקסוס, ווי א וויעג, — דאָס דאָזיגע שטעטעל ליגט ערגעץ אין א פארוואָרפען ווינקעל פון גאליציען.

קיין טייך איז ביי אונז אין שטעטעל נישטאָ, דער־פאר איז אָבער דאָ א שמאָל געלבליך וואסער'ל, וואָס קומט שלעפעריג צוקריכען דורך די האפען־גערטנער און שליאָנדערט זיך פאמעליכען אוועק ביז צום צופוסענס פון א ווייסען בארג — דאָרטען דרעהט זיך עס אוים און ווערט נעלם — מע' ווייסט נישט וואוהין...

זומער קריכט דאָסדאָזיגע וואסער'ל לאנגזאם און שפּיעלט זיך מיט די דונערשטיינדלעך, וואָס ליגען אין זיין בייט. פון צייט צו צייט זעהט מען דאָרט שווימען א שורה קאטשקעס, לויפענדיג נאָך א ווערבע בלעטעל, וואָס שווימט פון אויבען. אמאָל זעהט מען

לאָפּען מיט אַ צוועלפיעהריג איינגעל. און געליעבט האָט ער נישט אליין, נאָר בשותפות מיט נאָך פינף חברים, וואָס דאָס איז שוין, דאכט זיך מיר, אַ קאַפּעלע אנדערש פון די אַנדערע ראָמאַנען.

אויך וועט זיך דאָ, אין דערדאָזיגער מעשה דער־צעהלען ווי אַזוי און מיט וואָסערע מיטלען זעקס גאַלי־צישע חדר־איינגלעך, וואָס שפּיעלען אַ ליעבע זוכען זיך צו דערנעהנטערען צום שטיינערנעם האַרץ פון זייער געליעבטער, וואָס מע׳רופט זי סורטשע און וואָס טראָגט ווייסע הענטשקעס.

דיראָזיגע ערצעהלונג, וויל איך וואָרענען מיינע לע־זער, איז נישט געשריבען מיט׳ן צוועק צו באַלעהרען און אויסצובילדען וועמען עס איז. דער ראָמאַן באַזיצט אויך נישט די אייגענשאַפט אייך אויפצוהויבען און אַוועקטראָגען אין בעסערע וועלטען. איך האָב פיינט צו נעמען פרעמדע מענשען און זיי אויפהויבען. איך האָב אמאָל געקענט אַ אידען, וואָס אַ געוויסער ראָמאַן האָט איהם אויפגעהויבען אַזוי הויך און אַוועקגעטראָגען אַזוי ווייט, אַז זיין ווייב זוכט איהם אַרום ביז היינטיגען טאָג. ער איז פאַרשוואונדען. ער איז נישטאָ. ס׳הייסט ער איז יאָ דאָ, נאָר נישט אין דערהיים און נישט ביי זיין ווייב, נאָר ביי אַ פרעמדער.

און דאָס איז אַלץ צוליעב אַ געלונגענעם ראָמאַן.

מיין ראָמאַן איז געשריבען מעהר פאַר זיך אליין, ווי פאַר עמיצען אַנדערש. עס איז, אַזוי צו זאָגען, אַ היימישער ראָמאַן, פאַר היימישע עטליכע מענשען, וואָס קענען מיך פּערזענליך און טוען מיר די נעפעלינקייט און לעזען מיינע ווערק.

אויב איהר זענט איינער פון יענע און אויב איהר האָט נישט קיין בילכערס מיט וואָס צו פאַרנעמען אייער ליידיגע צייט און אויב ס׳איז אייך גרינג אויפ׳ן האַרצען, דאַן זעצט זיך אַוועק און לייענט די באַשרייבונג פון אַ

# מיין ערשטער ראָמאַן

## פאָרוואָרט און ווארנונג.

דאָס וואָס איך געה אייך דאָ דערצעהלען איז נישט קיין אמת'ע מעשה נאָר אנ'אויסגעטראכטע. וואָס ארט מיך אז איהר וועט מיינען אז איך קען מיט מיין אייגענעם קאָפּ אויסטראכטען מי־יודע־וואָס־פאר־א מעשיות.

אין דערדאָזיגער מעשה, זאָג איך פאָראויס אָן, וועט זיך דערצעהלען וועגען אַן ערשטער ליעבע, וואָס דאָס איז אַן־און־פאר־זיך נישט זעהר ניי און נישט זעהר אינטערעסאנט.

גאָט, דו ליעבער! ווער האָט שוין נישט געשריבען, באשריבען, באזונגען און דערצעהלט אין אזוי פיעל אין אזוי פיעל קאפיטלעך די לײדען און די פריידען פון זיין ערשטער ליעבע.

און די וועלט איז דאָך שוין אזוי אַלט!

און זי האָט דאָך שוין געהערט אזוי פיעל מאָל דער־צעהלען וועגען ליעבע און פארליעבטע, וועגען ליעבעס גליקליכע און אומגליקליכע, וועגען ליעבעס וואָס ענדיגען זיך מיט א חופּה און וועגען ליעבעס וואָס ענדיגען זיך מיט קארבאָל און רעוואָלווערען און ראזירמעסערס.

האָט שוין די וועלט, אלזוי, דאָס אלצדינג געהערט.

איז אָבער א גליק וואָס מיין ליעבע האָט זיך פאר־

קען, הויבען אָן ציטערען די נגונים און ס'הויבען זיך אָן רויטלען מיידעלשע באקען.

אָבער באלד ניט מען אַ קוק צום טוליע־בארג, דער־זעהט מען די מצבה'לעך, דערמאָנט מען זיך: מ'טאָר נישט.

— פונדעסטוועגען —

גערען די בחורים אזוי אוועק זינגענדיג איבער'ן גע־סעל, פארבלאָנזשען זיי ווייט־ווייט לעבען די האָפּען־פעלדער און אונטער'ן טוליע־בארג. גערען דערנאָך די מיידלעך אויך שטיל און פאר'גנב'עט איבער די האָפּען־פעלדער און אפשר אויך אונטער'ן טוליע־ בארג.

רייסען זיך אָפּ איינציגע יונגעלייט פון דער קייט פון חברים. פארשווינדען איינציגע אידישע טעכטער פון די חבר'טעס און מ'בלאָנזשעט און מ'בלאָנזשעט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אז מ'קומט צוריק ברענען שוין אויפ'ן יום־טוב'דיגען הימעל איינציגע שטערען. געהט מען איילענדיג אי־בער'ן נעסעל מיט צעפלאמטע באקען און צעוואָרפענע פאות. אויפ'ן וועג, לעבען בריקעל, וואו עס פלאפּעלט ס'וואסערעל, וואָס איז נעבעך אָפּגעהאָרעוועט פון כשר'ן אזוי פיעל כלים, — טרעפען זיי חברה וואוילע יונגען, וואָס לאכען אקעגען די איילענדיגע בחורים און מיידלעך:

— חמור־עזועל! חמור־עזועל! געוועזן אויפ'ן טוליע־בארג!

— — — — — — — — — — — — — — — —

דערנאָך הערט מען אין איין אידישער שטוב, ווי עס כליפּעט אַ בחור און אין דער אנדערער ווי עס וויינט אַ מיידעל.

אויף וועלכע עס שפּיעלט זיך די כשר'ע פּסח'דיגע זון.
יום־טוב־לעב!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם ערשטען טאָג פּסח, נאָכ'ן מאָלצייט, ווייזען זיך אויפ'ן געסעל, וואָס פיהרט צום טוליע־בארג, חברה שניי־דעריונגען אָנגעטאָן אין ס ט אָ י אָ נ צ ע קראַגענס און מאַנזשעטען מיט גוואלדיג־גרויסע קנעפּ. זיי געהען פּאָר־וויז, — א שניידעריונג מיט א שניידעריונג געאָרעמט כמעט ווי מיט מיידלעך און זענען דערמיט יוצא. אלע טראָגען די אויבערמאַנטלען אויף די אקסלען און רויכע־רען קובא־ציגארען צו פערטהאלבען גרייצער א שטיק. די געוואגטערע פון זיי געהען ווייט ארויס פון שטאָט העט־העט איבער די פעלדער. דאָרטען, זאָגט מען, טרע־פען זיי זיך מיט זייערע געליעבטע און מ'געהט נאָך ווייטער — העט־העט... מ'ווייסט נישט וואו.

געוויינטליך אָבער געהט די שניידערשע חברה צום טוליע־בארג, זינגען שקאָצישע לידלעך וועגען מיידלעך „וואָס טוען זיך ליעבען אוי וועה!" דערנאָך געהען זיי אהיים שפּיעלען אין ניס, אָדער לייענען ד ר י י פ ו ס ע ן.

שפּעטער אויפ'ן טאָג, נעגען נאכט־צו, באווייזען זיך אויפ'ן געסעל אויך בעל־הבית'ישע מיידלעך מיט פריש־אויסגעצוואָגענע צעפּ, אונטער ווייס־געפּרעסטע קאָפּטי־כער. א טייל פון זיי — די היינטוועלטיגע — טראָגען ב ר ו נ ע ל ע נ ע מ ע ש ט ע ס און האלטען אין די הענט פּאָכערס פון פעדערען.

אויך בעל־הבית'ישע בחורים באווייזען זיך, נאָר זיי געהען אויף דער אנדערער זייט געסעל. עס פּאסט נישט.

געהען זיי אלע אינאיינעם, פּאמעליכען, מיט שבת־טריט, יעדער מיט דער רעכטער האנט אין דער הינטער־שטער קעשענע פון זיין בעקעשע, און מ'ברומט אונטער'ן נאָז טרויעריגע אידישע נגונים'לעך.

און אז צעהנדליגע שווארצע בחורים־אויגען טרעפען ז' מיט אמאָל מיט צעהנדליגע פינקעלדיגע מיידעל־בלי־

און אזוי כסדר.

ווינטער גלאנצט דער בארג און פארפינקעלט דאָס גאנצע שטעטעל — ווי א ריזיגער דימענט. דאָס בית־עולם זעהט מען נישט, ס'איז פארטרונקען אין שניי. ווען־נישט־ווען זעהט מען דאָרט קריכען עפּעס א מענשעל מיט א גרין היטעל מיט א פעדער. זאָגט מען: „ס'איז דער ליעסניק!" און אמאָל ביינאכט זעהט מען זיין לאמטערען־פייער און דעם שווארצען הונט. זאָגט מען: „ס'אן אוצר!"

קומט נאָהענט פּסח פארנעמט דער טוליע־בארג דעם אויבען־אָן אין שטעטעל. אויף א גרינעם היסב־בעט זיצט דאָס וועלדעל דאָרט אויבען און ווארפט זוניגע שמייכלען אין שטעטעל אריין. דער ליעסניק ווייזט זיך אָפּטער, אָבער איצט זעהט מען איהם נעהנטער. זאָגט מען: „א פראָסטער שליאכטיטש!"

ס'איז פריהלינג אין שטעטעל און — פּסח.

די פריהלינגס־ווינטען האָבען די בלאָטיגע גאסען צו־נעטרוקענט אין דערזעלבער צייט, וואָס זיי האָבען די ספרים אויף די לאנגע בענק געלופטערט און גע'כשר'ט אויף יום־טוב. שטעטעלשע שניידעריונגען און פריילינס מיט ריין־אָפּגעפּוצטע ברונעלענע שיך קלויבען שוין סטעזשקעס און זוכען אויסצומיידען די בלאָטע.

פון אונטער דעם בריקעל, וואָס איבער דער ריקע שמעקען ארויס די ווערבעס מיט אזא שיכור'ער זיס־קייט. אונטען פּליעסקעט זיך דאָס וואסער עפּעס א פאר־שלאָפענס, א מיעדס. צופיעל אָנגעהאָרעוועט זיך פאר פּסח, שווענקענדיג אידישע פענסטער, וואָס מ'האָט אראָפּגענומען פון די זאוויעסעס און אוועקגעטראָגען צום וואסער אויסוואשען לכבוד יום־טוב. פון די מאסע פּסח'דיגע כלים, וואָס מ'האָט גע'טובל'ט, איז עס מיעד — דרימעלט עס און פלוידערט עפּעס פון שלאָף.

פון דרויסען האָט איצט דאָס שטעטעל א ניי פּנים: ווייס אויסגעקאלכט מיט גלימצערדיגע פענסטערלעך,

דאָרטען א אידיש געוועלבעל מיט א שילדעל: „האנדעל מיעשאניק טאָוואַראָוו" — האנדעל מיט געמישטע סחורות, הייסט עס. דאָ — דאָס איינציגע פריצישע הוי־פעל פון דער אלטער ראָזאליעבע, די איינציגע אידישע אלטיטשקע, וואָס רעדט פויליש און פיהרט זיך ארום מיט א קאָץ. און דאָרטען — הייזלעך צעוואָרפענע, ווי פאר־געסענע, אויסגעדרעהטע, איינגעפאלענע, מיט קרומע שויבען־קעסטלעך און נידריגע דעכלעך פון שטרוי און גאָנטעס.

איבער די אלע שפּל'דיגע און דערשלאָגענע הייזלעך און מענשען שטעהט דער טוליע־בארג עפּעס ווי א קיניג, וואָס מ'האָט איהם פארטריבען פון זיין לאנד און וואָס וועט אין א שעהנעם טאָג — מ'קען נישט וויסען ווען — אפשר אויפטון אזוינס, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געהערט.

אויבען, אויפ'ן סאמע שפּיץ בארג, איז דער אי־דישער בית־עולם, דאָס הייליגע אָרט. דאָרט שטעהט עס ארומגעצאמט מיט א שווארצען פּארקען, מיט קליינע מצבה'לעך, ווי ווערפלעך צוקער, און עס שרייט אראָפּ אין טאָל צו אלע אידישע קינדער:

— אידען! פארגעסט נישט, אז ס'איז פאראן א טויט אויף דער וועלט. לאָזט זיך נישט פארפיהרען פונ'ם יצר־הרע.

און די שטומע רייד פון די קליינע מצבה'לעך העלפען. מ'זינדיגט נישט.

געהט א איד א סוחר אין דער פריה אין קלייזעל אריין און מאכט ביי זיך אָפּ ער זאָל היינט נישט מאכען קיין לאנגע שהיות מיט'ן דאוונען, מחמת ס'איז יאריד — פאלט זיין אויג אויפ'ן טוליע־בארג. ער גיט א קרעכץ און האָט חרטה. וויל אמאָל א אידיש מיידעל אוועקגעהן צו דער ראָזאליעבע און אנטלייהען א פויליש ביכעל, גיט זי א קוק אויפ'ן טוליע־בארג און זאָגט זיך אָפּ פון דעם זינדיגען געדאנק.

# פסח'דיגע טעג

מ'רופט איהם טוליע־בארג און איך ווייס נישט פאר־וואָס. אין מיינע שפּעטערדיגע יאָהרען האָב איך נע־פּרובט זוכען א טייטש פאר דעם וואָרט. אפשר איז דאָס פארגרייזט פון טאליע, ווייל דער גרויסער וואונדערלי־כער בארג זעהט באמת אויס ווי ער וואָלט געהאט א טאליע, וואָס גאָט, כביכול, אליין נעמט ארום מיט ליעבשאפט יעדעס יאָהר ארום פסח־צייט.

איך ווייס נישט, אפשר איז דאָס ריכטיג. אין די געאָגראפישע באשרייבונגען פון מיין אָרעם היימלאנד, גאליציען, ווערט דער בארג נישט דערמאָנט. ווי וואויל ער איז מיר א סך ליעבער פון די קארפאטען־בערג און די שווייצער־בערג און אלע אנדערע בערג, וואָס באוואכען מיין אָרעם און טרויעריג לאנד.

אונטען אין טאָל ליגט דאָס שטעטעל צעוואָרפען און פארגעסען. דאָ א צווינטער מיט א נעגילדעטען צלם און מ א י ־ ב ו י מ ע ר ארום פארקאן, דאָרט א שוהל מיט אן אראָפּגעלאָזטען דאך, ווי ס'היטעל איבער'ן פּנים פון א פארשעמטען מענש. דאָ א פראָפּינאציע מיט א שטיין־באנק אין דרויסען, אויף וועלכער עס זיצען זומערצייט עטליכע גוים און רויכערען קורצע ליולקעס אָדער שניי־דען א ברויטעל אויף קליינע רייפּטעלעך, באשיטען דאָס מיט זאלץ, שטעקען דאָס ארויף אויף א קניפּיקעל און עסען דאָס פאמעליכען און מיט אפּעטיט, ווי לעקעך.

ער איז ארויס פאר דער טיר און אין עטליכע רגע'ס שפעטער וענען צוויי שווארץ־לאָקיגע אינגלעך, מיט יום־טוב'דיגע אנצונגלעך געלעגען אויפ'ן בלאָטיגען שניי, זיך געקאטשעט איינס אויף ס'אנדערע, זיך געבאָכעט מיט די קליינע אינגעלשע פויסטען און געשריען:

—דו אָפנארער, דו. א טייסטעריל וואָס קנאקט נישט וועסטו מיר געבען ?!

— און א מעסעריל וואָס ציהט נישט קיין קאָרקעס, וועסטו מיר שיקען ?!

— כ'האָב דיך אין דר'ערד מיט די פיס פארקערט, מיט די פופצעהן גראהצער.

— כ'האָב דיך אין דר'ערד — מיט די פיס פארקערט גיב מיר אפ ס'טייסטעריל.

— כ'יל דיר געבען ס'טייסטעריל, אז דו וועסט מיר געבען ס'מעסעריל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיין ליעב, טייער שטעטעל אין גאליציען!

יועטיל, האָב איך גענומען מיין קליין ברודער׳ל און איהם געשיקגע׳שליח׳ט צו מיין חבר שיקעל. איך אליין האָב זיך געשטעלט ביי דער טיר ווארטען, ווארטען אויף דעם צויבערליכען גרינעם טייסטעריל מיט די דריי שלעסער, וואָס קנאקען, אז מען מאכט זיי צו.

— זאָלסט אויסארען ביז וואַנעט ער וועט צוריק־שיקען! — האָב איך נאָכגעשריען מיין שליח.

— כ׳יל אויסארען ביז וואנעט ער וועט צוריקשי־קען! — האָט ער מיר צוריקגעשריען.

עס איז אוועק צעהן, פופצעהן, צוואנציג לאנגע מינו־טען, שווערע מינוטען, אומענדליכע מינוטען און אָט האָט זיך באוויזען מיין ברודער׳ל מיט׳ן צוגעדעקטען טע־לער שאלאכמאָנעס.

מיט ציטערדיגע הענט האָב איך אויפגעדעקט דעם טעלער, איבערגעצעהלט די שטיקלעך געבעקס: א פלעדיל — ריכטיג. א שטיקעל נייענט — ריכטיג. דריי מאָהן־רמן־טאשען — גישט אָפּגענארט. א שטיקעל שטרודעל — אויך דאָ. און אָט איז דאָס טייסטעריל — א גרין טייסטעריל, אז ס׳איז א מחיה צו קוקען דארויף, נאָר... שא! וואָס איז דאָס? בלויז צוויי שלעסער. נישט קיין ד ר י י — נאָר צוויי. און זיי קנאקען נישט. זיי ווילען נישט קנאקען. אפשר זענען זיי קאליע? און אפשר האָט ער מיך אָפּגענארט, שיקעל, און געקויפט א וואָלוועל טייסטעריל. און סע קנאקט נישט — ווערה איז דאָס לע־בען מיינס! סע הויבט אפילו נישט אָן צו קנאקען. ניט נישט אפילו א קליין, פיצעל, ברויזעל קנאקעלע. און סע האָט אפשר קיינמאָל נישט געקנאקט. ער האָט מיך אָפּגענארט — דער אָפּנארער.

און כ׳האָב מיך צעוויינט מיט א גרויס געוויין, אז מ׳האָט מיך קוים איינגעשטילט.

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דער סעודה בין איך מיט רויט־פארוויינטע אויי־גען ארויס אין גאס, אָפּגעטשאטעוועט מיין שיקלען, בעת

ציהען צוריק, און אָנגעבען פאר אן אורזאך, אז די פרייז אויף גרינע טייסטערליך מיט דריי שלעסער איז געשטי־ גען און כ'האָב איהם געמוזט צונעבען נאָך פינף גראהצער.

— גערענק־זשע, שיקעל, — האָב איך זיך מיט איהם געזעגענט — א פלעדיל, א שטיקעל נייענט, דריי מאָן־ המן־טאשען, א שטיקעל שטרודעל און א גרין טייסטע־ ריל מיט דריי שלעסער.

— טייסטעריל מיט דריי שלעסער! — האָט ער מיר צוגעגעבען.

—און די שלעסער זאלען קנאקען, אז מען מאכט זיי צו — האָב איך אויסגענומען.

— קנאקען, אז מען מאכט זיי צו! — האָט ער מיר צוגעגעבען.

— און ווער'ט שיקען דעם ערשטען שאלעכמאָנעס? איך צי דו? — וויל איך וויסען.

—אודאי דו! — איז ביי שיקלען נישט קיין ספק. נאָר פארגעס נישט ס'מעסעריל מיט צוויי קלינגלעך און מיט א פראָפענציהער אויף ארויסצושלעפען קאָרקעס פון פלעשלעך.

— כ'יל נישט פארגעסען, שיקעל! איך לויף באלד אוועק קויפען.

— און איך שפרינג שוין אוועק קויפען א טייסטע־ ריל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נעקומען די נאכט פון פורים, האָב איך שוין געהאַט, אין קעשענע, ס'מעסעריל מיט די צוויי קלינגלעך. צוויי קלינגלעך און א פראָפענציהער אויף ארויסצושלעפען קאָרקעס פון פלעשלעך, ווי ס'איז אָפגעמאכט צווישען מיר און שיקלען. באלד בין איך צוגעשטאנען צו מיין מא־ מען זי זאָל מיר איבערגעבען די נויטיגע שטיקלעך גע־ בעקס אויף אוועקצושיקען, און נאָכדעם ווי איך האָב אלץ געהאט גוט איינגעפאקט און פארדעקט מיט א ווייס סער־

— איכ'ל דיר שיקען א טייסטעריל.

— א גרינס, מיט דריי שלעסער, א נישט וויל איך נישט.

— עהן! א טייסטעריל מיט דריי שלעסער דארף קאָסטען מעהר ווי א מעסעריל — כ'האָב שוין גע־פרעגט!

— מיט וויפיעל מעהר, שיקעל?

— מיט א צעהן גראהצער.

— נא'ז'שע דיר צעהן גראהצער — באשטייסט דארויף?

— איז אָפּגעמאכט. גיב מיר א האנט.

— איז אָפּגעמאכט. נאדיר א האנט און צעהן גראה־צער.

נאָך דעם דאָזיגען שמועס האָבען מיר ביידע — איך און שיקעל — ארומגערעדט די אנדערע קליינינקייטען בנוגע אונזערע שאלעכמאָניסען און עס איז באשלאָסען געוואָרען, אז איך שיק איהם:

א פלעדיל, מיט א שטיקעל נייענט, א טאָרטעל, צוויי פלוימען־המן־טאשען און — א מעסעריל מיט צוויי קלינג־לעך און מיט א פּראָפּענציהער אויף ארויסצושלעפּען קאָרקעס פון פלעשער.

און ער שיקט מיר:

אויך א פלעדיל מיט א שטיקעל נייענט, דריי מאָן־המן־טאשען, א שטיקעל שטרודעל און — א גרין טייס־טעריל מיט דריי שלעסער.

אין דריי טעג ארום איז געווען פּורים.

דורך דער צייט האָבען מיר זיך נאָך עטליכע מאָל גע־זעהן, איך און מיין חבר שיקעל, ארומגערעדט די מעגליכקייט פון אויספיהרען אונזער אָפּמאך, און צי ווע־לען אונזערע מאמעס באקען די געבעקס, וועלכע מיר האָ־בען זיך איינס ס'אנדערע צוגעזאָגט. ביים לעצטען טאָג, פאר אסתר־תענית, האָט שיקעל, וועלכער איז געווען א קלוג אינגעל און געהאט א טאטען א סוחר, גענומען

שווינדט. עפּענען זיך טירען און מ'זאָגט: ד ו כ ט ז י ך
ד ע ר פ ר אָ ס ט ב ר ע כ ט. פאַלט אַרונטער די קראַנק־פּאַרפּלאָמטע זון הינטער'ן באַרג. לויפן אָן די גאַנצע וועלט מיט שאָטענס איבער די שנייען און עמיצער זאָגט:

ס ע נ ע מ ט ש ו י ן ו ו י ד ע ר — אָ ו ו אַ!

אַזוי ביז אַרום פּורים־צייט.

פאַר פּורים הויבט אָן לאָזן דער שניי. ווערן די טעג זאַטער מיט וואַרימקייט. הויבט דאָס שטעטעל אָן העכער צו אָטעמען. ווייזן זיך מעהר מענשען איבער די קרום־צעלעגטע געסלעך. לויפן ווייבער מיט קראָסנע שאַלען אויף די אַקסלען, נאָך ראָזשינקעס און אינגבער, און באָרגען איינס ביי ס'אַנדערע פערימלעך אויף צו מאַ־כען דאָס פּורים־געבעקס, און פון צייט־צו־צייט דער־הערט זיך ערגעץ אַ רוישען פון אַ פּאַראַיאָהריגען גראַגער — וואָס אַ אינגעל פּרובט אויס, צי ער קען איהם באַנוצען.

ס'איז געווען אין אַזאַ האַלב־פאַרזומערטען טאָג, ווען די וואַסערען ביי די ברעגען פון באַרג האָבען שטיל גע־זונגען, און אויף דער משופּע־קייט פון דעם הויכען לעהם־באַרג האָבען זיך שוואַרץ־אויסגעפּרעסענע שטיקער ערד באַוויזען, דעמאָלט האָב איך מיך צונויפגעטראָפען אין נאַס מיט מיין חבר שיקעל, אַ אינגעל פון אַ יאָהר צוועלף, אַזוי ווי איך, און מיר האָבען זיך צערעדט — אָט ווענען וואָס:

— וואָס ווּעסטו מיר שיקען שאַלעכמאָנעס, שיקעל?

— וואָס ווּעסטו מ י ר שיקען?

— וואָס זאָל איך דיר שיקען, שיקעל?

— שיק מיר — כ'ווייס וואָס?

— כ'ווייס אויך נישט וואָס.

— שיק מיר אַ מעסעריל מיט צוויי קלינגלעך און מיט אַ פּראָפּענציהער — אַרויסצושלעפּען קאָרקעס פון פלעש־לעך.

— און וואָס ווּעסטו מיר שיקען, שיקעל?

מארק, אויפ׳ן פארגאָלדעטען קלויסטער־צלם און, להבדיל, אויפ׳ן פארצייטיגען פאנאר לעבען שוהל, וואָס מ׳צינדט אָן נאָר אויף ר׳ מאיר בעל הנס׳ יאָהרצייט. און אלצדינג שטארבט א ווייסען און רוהיגען טויט.

אמאָל קומט א שטורם־ווינד מיט א זאווערוכע. וועז׳ען די דארפגעהער ערגיץ אויפ׳ן וועג דערפרוירען. היילט דער ווינט ווי טויזענט משוגע׳נע הינט איבער די שפּיץ־בערג. ציטערען די שויבען אין אלע פענסטער. פליהען די רויכען פון די קוימענס ווי צעריסענע דינע פעהנדלעך אוועק און ערגיץ שטעהט א בלאסער מענש ביי א פענסטער, הויכט אויס א רעדעלע מיט זיין אָטעם און קוקט מיט פארבענקטע אויגען אין דער ווייסער וועלט אריין און קלאפּט מיט די פינגער אויף די שויבען א ניגון אויס.

נאָר שווער און בייז ווי עס איז דער ווינטער אין אונזער לאנד, טראָגען איהם מענשען לייכטער אריבער דערפאר, ווייל ער איז עהרליך און האלט זיין וואָרט, וואָס ער זאָגט אָן דורך דעם לוח.

ווי א שלעכטען נאָר פינקטליכען פריץ פארטראָגט מען איהם. ליידט מען פון איהם. זאָגט מען איהם אפילו נאָך א נוט וואָרט. מ׳ווייסט: סע׳ט אוועק זיין צייט — וועט ער זיך נישט ווייזען.

עהרליכע פריצים ביי אונז און עהרליכע ווינטערס: מאכען נישט קיין שטיק. נעמען ארויס ס׳חיות מיט דער נשמה, נאָר פינקטליך און אין דער צייט.

לינט א נאנצען ווינטער דאָס שטעטעל אונטער א ווייסער, פון־ווינט־אפּגעפּרעסטער דעק און האלט איין דעם אָטעם. אמאָל טוט — בייטאָג — א לויכט די זון, נעמט זיך חנ׳דלען צו די יונגפרויליכע, אומבארירטע שנייען אויף די בארג־שפּיצען, און די גלימצערדיגע איבער־ווייסע פלאכען, וואָס שווינדלען פאר די אויגען. קאַפּען שטילע טראָפּענס דאָ און דאָרטען, זינגען שטיל. טוט זיך א פויגעל א ווייז, זוכט עפּעס אין שניי און פאר־

שיסעלעך מיט זילבער, טעלערלעך מיט גאָלד זענען געווען צעשטעלט אויפ'ן חלום־טיש פון מיין פריהען לע־בען. אָבער גאָלד איז הארט און זילבער איז בלאס און טויט, און וואסער איז לעבעדיג. זינגען די וואסערען ביי אונז אין שטעטעל. האָב איך זיי ליעב. באָד איך מיך אין לויפענדיג וואסער, און כ'שריי אין וואסער אריין מיין איננעלשע פרייד. בלוי וואסער, בלוי וואסער אומעטום. אין קלאָרע טעג זעהט מען ארוים די וואסערשטיינדלעך און די ערד־קנייטשען. און די ווערבע־בלעטער פאלען אי־בער די פלויטען אריבער, פארפליהען אויפ'ן וואסער און שווימען אוועק, ווי קליינע טונקעלע שיפען. דער ווער־בעבוים — די מוטער — קוקט זיי נאָך און וויינט. ווער־בעהארץ, ווערבעהארץ, וואָס וויינסטו? איך ווייז, ווייל מיינע קינדער זענען מיט'ן לויפיגען פלוס אוועק און איך ווייס נישט וואוהין.

מענשענמוטערס זענען נישט קיין ווערבעבוימער, אָבער וויינען וויינען זיי. נישט אין דרויסען, נישט אז אלע זאָלען הערען, נישט ביי די ברעגען פון די פלוס־וואסערען, אָבער דאָס שטעטעל בענקט איהר מוטערשאפט ארוים, און פון קליינע ווייסע הייזער טראָגען זיך שטראָ־מען מיט בענקעניש — צו די פרעמדע לענדער, וואו זייע־רע קינדער זענען אוועק זוכען דאָס גליק, דאָס גליק וואָס וואוינט הינטער די בערג.

אין א טאָל — אין מיין היימלאנד, אין גאליציען — שטעהט אונזער שטעטעל. אויף א בארג — שטעהט אונ־זער שטוב.

קומט דער ווינטער שטעלען זיך די פרעסט, וואָס טרינקען אוים דעם אָטעם פון האלז און די לופט אליין ברעכט זיך און פאלט אראָפּ איבער דעם טייך — בלייבט ער שטעהן צעשראָקען און בלאס.

שטעהען די נידריגע הייזלעך — נידערט אויף זיי דער שניי ארונטער, פון גאָט'ס ווייסער האנט. לעגט ער זיך אויף די שטרוי־און־גאנטע דעכער אוים — אויפ'ן

## שאַלעכמאַנעס

הײמלאַנד, מײן הײמלאַנד.

מײנע ברױנע, נישט־שעהנע אױגען װערען אָנגעפילט מיט טרערען. מײן האַרץ װערט פאַרבענקט און שװער, װען איך שרײב:

הײמלאַנד, מײן הײמלאַנד.

פלאַטער מײן האַרץ, פלאַטער, אַהין צו מײן הײמלאַנד אַרױס. אַהין צו די געטרײע װעלדער, װאָס ציטערען איבער דײן שלאָפענגעהן און איבער דײן אױפשטעהן. אַהין צו דער אױסגעבענקטער יונגליכקײט אױף װײטע פעלדער, אױף הױכע געבערג. אַהין צו דעם זאַנגענגעזאַנג פון קאָרען, צו די טײכען פון צעשמאָלצענע בלױשטײנער. אַהין צו מײן אַלטער הײם, װאו בלאָטע גלאַנצט קעגען הימעל, װאו מענשען געהען אַזױ פּאַמעלעך, װי די צײט, װאו אַלצדינג קומט און פאַרגעהט מיט טאַקטליכקײט, װאו מ'זעהט אַרױס די רױהע שטעך פון דער מוטער נאַטור. װאו אַלצדינג איז ליעבע, גלױבען, געטרײשאַפט, חלומות.

ברידער פון דער גרױסער שטאָט, שװעסטער פון דער גרױסער שטאָט! שטעלט אָפּ אײערע לױף־טריט, פּאָכט אַראָפּ דעם שטײנשטױב פון אײערע נשמות און איך װעל אײך — אין דער דאָזיגער שפּעטער שעה פון ציװיליזאַציע און נאַכטגלעקלעך — דערצעהלען װעגען מײן הײמלאַנד, מײן הײמלאַנד.

דאָס דערקוויקט מעהר ווי א טייך, עס שטארקט מעהר ווי דער ים.

דאָרט אז מען הויבט אָפּ ס׳היטעל פאר א דאמע, טוט מען עס אזוי גרינטליך און פאמעליך, אז מען קאָן גאנץ לייכט איבערלייענען דעם נאָמען פון דער הוט־פירמע און דעם נומער פונ׳ם היטעל. עטליכע מאָל אָפּ־הויבען ס׳היטעל און זאָגען מ י י נ ע ה אָ כ א כ ט ו נ ג איז א טאָג ארבייט.

און אפילו די עלטערע אידען, חסידים, שפאצירען צום ברונען, מיט קרוגען אין די הענט, און מיט דעם חלום פון קאלט וואסער אויף די ברייטע, באַרדיגע פנים׳ער.

איך בענק נאָך דעם לאנד, וואו שפאצירען געהן איז א קונסט און נישט קיין ארבייט. איך בענק נאָך די פארלוירענע שפאצירען אין דעם שטעטעל, וואו ליידיג־ארומגעהן איז נישט געווען קיין בושה. איך בענק נאָך די נידריגע דעכער, נאָך די הויכע הימלען, נאָך די אידיש־לעך פארשפיצטע בערג, נאָך דער ערד פון בלאָטע און שניי, און שטויב, וואָס איז דאָך א סך ווייכער ווי די ערד פון שטיין און אייזען.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

איך בין ערשט געקומען פון א שפאציר פון צענט־ראל־פארק. מ׳האָט אויף מיר געקוקט ווי אויף אן אוים־לענדער, דערפאר, ווייל איך בין געגאנגען שפאצירען לאנגזאם, ערנסט און מיט א שטעקען.

געהן שפּאַצירען — גרויס און קליין, אַלט און מיטעל־יעהריג. עס שפּאַצירט דאָס שטעטעל געטריי, ערנסט, און יום־טוב׳דיג. שניידער־יונגען מיט פאַרשייטע היט־לעך און אידען מיט סאַמעטענע קאַפּעליושען, מיידלעך מיט וויענער פּעלערינע־מאַנטלען און מיידלעך מיט ווייס־געפּרעסטע טיכער אויפ׳ן קאָפּ — אַלע געהען שפּאַצירען לאַנגזאַם, ווי מ׳וואָלט נישט געוואָלט אויסרייבען די ערד. געהט מען איבער דעם ש ט ר אָ ס צום שפּאַצירגאָרטען, צום טייך, צום באַרג. און נישט נאָר די מענשען א ו י פ ׳ ן שטראָס, נאָר דער קייזערשטראָס אליין געהט א ו י ך שפּאַצירען — געהט מיט די בחורים און מיט די מיידלעך, און ער זינגט אונטער זייערע פיס דאָס ליעד פון שפּאַ־צירענגעהן.

עס ווערט זומער און זומערדיגער. הייסע זון־בעזימס קערען דאָס שטעטעל. די סעדער זענען מיעד און פאַר־שלאָפען. די רויטע ווײַנשעל הענגען שלאַף אויף די ווײַנשעל־בוימער און האָבען נישט קיין כח אַראָפּצופאַלען און אונגארישע באַרען מיט די רויטע בעקלעך ווילען אַ ציטער טון אין ווינט און קאָנען נישט.

דעמאָלט ווארט מען ביז וואַנעט עס זעצט זיך די זון און מ׳געהט שפּאַצירען. אָן אָרעם אונטער אָן אָרעם קייטעלט מען זיך צענויף און מען קלייבט מיט די פיס אַ דינעם, איידעלען שפּאַציר — אַ שפּאַציר, וואָס מען קאָן מיטנעמען אַ היים און זיך אויסשלאָפען אויף איהם. אַזוי ווייך און פריש איז ער.

צו עסען איז נישטאָ קיין סך — האָניג מיט ברויט פאַר די קינדער, אַ געזעצט טעפּיל מיט מילך פאַר די דערוואַקסענע, אָבער שפּאַצירען געהען אַלע. און יעדער טריט פונ׳ם שפּאַציר־גאַנג איז אַ גרויסע קונסט, איז אַן איידעלע וויסענשאַפט.

דאָרטען האָט דאָס לעבען סטיל, און רוה, און גע־מיטליכקייט, און אַזוי פיעל ליידיגע צייט — מ׳באָדט זיך אין צ י י ט ! און דאָס מאַכט ריינער ווי אַ שטראָם,

יעדע נשמה א נעסט פון פיין־פארביגע חלומות, וואָס שפּראָצען דורך די אויגען ארויס.

און די ליעבע? — שטיל איז זי, הינטער אלע פייערען פארבאָרגען, הינטער אלע שטיינער באגראָבען.

און פול מיט דער פארב פון בלוט.

רויטע קאלינעס, רויטע קארשען, רויטע אגריסען, — וואקסען איבער אלע פלויטען אריבער און רעדען פון הארץ־ליעבע.

און די הערבסטען קומען אָן פון הינטער די בערג, ווי פארבענקטע רייזענדע, מיט פארביגע קליידער און מיט ריעזיגע ליולקעס, דורך וועלכע זיי צעבלאָזען דעם ווינט אין גלעזערנע רינגען, וואָס קלינגען און פאלען און ברעכען זיך ערגעץ הינטער די מיהלען, הינטער די דערפער.

און די ווינטערס זענען שטרענג און אלט. און אונטער זייערע ווייסע ציין קנאקען די ביינער פונ'ם טויטען וואלד, און די מאַרמאָר ביינער פון די פארגליווערטע טייכען. מע הערט ווי דער ווינטער פרעסט זיין זאק־רויב, און מ'שרעקט זיך הינטער די ווייסע קוימענס.

און אז די זון קומט ארויס אין מיטען העלען טאָג און צינד'ט אָן דעם שניי מיט א בלאָהען פייער, זעהט דער ווינטער וואָס ער האָט אָנגעטון, און מיט חרטה וויינט ער פון די דעכער אראָפּ — וויינט מיט אמת'ע טרערען.

אָבער ווען די נאכט קלייבט איהרע שווארצע שטיקער אומעט צענויף און שפּרייט זיי אויס איבער'ן שטעטעל, פארגעסט דער ווינטער אן זיין חרטה און מ'הערט ווידער דאָס קנאקען פון די וואלד־ביינער און ס'מערדערישע אָטעם־שיפּען פונ'ם ווינטער, וואָס ליגט מיט אלע פיער אויף זיין קרבן, ווי א משוגענער הונט.

און פריהלינג, אז דער הימעל הויבט אָן שמעקען מיט דעם ריח פון ווערבעס און די טויב טוט א זינג איבער'ן דאך, און א שוואלב טוט, ווי א שווארצע פייל, א פליה איבער'ן פענסטער, דעמאָלט הויבט מען אָן

אלע אנדערע, ווערט ערקלערט אלס טשעמפיאָן און מ'טראָגט איהם אויף די הענט.

דאָס לאנד, וואו א מענש האָט נאָר א ווערט אזוי לאנג ווי ער איז א קינד, און פארלירט יעדען ווערט אזוי גיך, ווי ער הויבט אָן צו זיין ניצליך פאר דער וועלט.

א לאנד וואו דאָס לעבען ווערט נישט געגעסען רויהערהייד, נאָר עס ווערט געקאָכט און סטעריליזירט אזוי לאנג, ביז וואנען דער רויהער געזונטער טעם דערפון ווערט אויסגעוועפט.

דאָס לאנד, וואָס איז נאקעט פון אוואנטיורען, אויס־געטון פון ראָמאנץ און ליידיג פון יעדער ראהמליכקייט.

זינג איך מיר, ווי מ'זינגט אין טעאטער:

א י ך ב ע נ ק א ה י י ם.

דאָרטען געהט מען שפאצירען מיט א רעליגיעזער פינקטליכקייט. דאָרט האָט דאָס לעבען זיין ראהמען, און דער טויט זיין ענגפארקניפטקייט מיט'ן לעבען.

דאָרט וויינט ס'גאַנצע שטעטעל אז מ'שטארבט אָדער מען פאָהרט אוועק קיין אמעריקא, און דאָרט פרעהט זיך ס'גאַנצע שטעטעל אז מ'האָט חתונה אָדער מ'געווינט אין דער לאָטעריע.

דאָרט צינדט מען דעם קלויז־לאמטערן, ווען עס איז א יאָהר־צייט נאָך ר' מאיר בעל הנס, און מ'רייסט קוקורוזעס פון פרעמדע גערטנער אין די סליחות־נעכט.

דאָרט רעגענט מיט בלאָטע און עס פריהרט מיט בלאָהע, דורכזיכטיגע שטיקער פראָסט.

דאָרט זענען די טשערעדעס שטערען אויפ'ן הימעל אזוי אייביג פארבלאָנזשעט, און די לבנה דרעהט זיך ארום ווי א צעשראָקענער פאסטוך צווישען זיי, און זי וויים אליין אויך נישט, וואו זי איז אין דער וועלט.

דאָרט זענען די בלומען קליין און האָבען קיין נע־מען נישט, און די וועלדער זענען גרויס און פול מיט זונענשטיינדלעך און מיט לויפיגע וואסערען.

דאָרט איז יעדעס יונג־האַרץ אַן אוצר־קעסטעל, און

# דאָרט וואו מע געהט שפּאַצירען

„אָי, בענקען, ליובעדושא,
בענק איך נאָר נאָך דיר“.

א לאנד וואו מע געהט נישט שפּאצירען, וואו מע טרינקט נישט קיין וויין.

א לאנד פון הויכע בערג און פלאכע טאָג־טעגליכ־קייטען. דאָס לאנד פון פּיטסבורג, שיקאגאָ, לאָס־אנזשעלעס און דילענסי סטריט.

דאָס לאנד פון פּרעירים, וואָטערמעלאָן, יאַקאהולאַ־טענץ, טעאָדאָר־רוזוועלט, זינגער־געביידע, האָבעאוס־קאָרפּוס, קוני איילענד, קינדער־פּאראליז און בריטש אָור־פּראָמים.

דאָס לאנד פון בילי סאָנדעי, דעם טאלנער רבי, ביזבי־אריזאָנא, קערי נעישאָן און עוועלין נעסביט.

דאָס לאנד וואו מען געהט נעמען א שפּאציר, וואו מען געהט כאפּען א שווים, וואו מען געהט האָבען אויסגאנג, וואו מען געהט־אויס מיט דער געליעבטער.

דאָס לאנד וואו מען האָט פארגעסען די קונסט פון שפּאצירען־געהן.

דאָס לאנד פון אייזען און שטאָל, פון געלט און טעכ־ניק, פון ריעזיגע אונמעגליכקייטען און פון אָפּליפּטעריי.

דאָס לאנד, וואו דער וואָס קאָן שפּייען ווייטער ווי

# קום שפּאַצירען געליעבטע

OCT
1976

Copyright, 1919.
by
MOISHE NADIR,
(Isaac Reiss)

PJ
5129
N2K8

PINSKI-MASSEL PRESS
446
64 BOWERY, NEW YORK

# קום שפּאַציִרען געליעבטע

און

# פליטערפלירט

---

משה נאדיר

פארלאג „ווערבע“
ניו יאָרק, 1919.

משה נפור